


# קול לובלין

"לובלינער שטימע"

שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ★ יערלעכע אויסגאבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' 36 • חשון-כסלו תשס"א • נאָוועמבער 2000 • נומער 36


# הוקם דור המשך של יוצאי לובלין

כאחד מיוצאי לובלין הרבים, קשור ליבי לזכר עירנו. אמנם רק שנים מועטות חייתי בלובלין, אך כנראה שנקשרתי למקום, כדברי המשורר ש"האדם אינו אלא רק תבנית נוף מולדתו" עירנו לובלין, אשר הייתה "עיר ואם" ליהודים, לא נשכחה מליבם של יוצאי העיר. דאגתנו היום היא לגבי העתיד.

מה יקרה כאשר לא נוכל לדאוג יותר להנצחת זיכרם של קדושינו. כפי שכולנו יודעים, פועל הזמן לרעתנו. כל פעם הולך ופוחת מספר הלובלינאים, הבעיה היא לא רק שלנו. זאת בעיה כללית של כל יוצאי ערים שנכחדו באירופה, אשר שרדו אחרי השואה הנוראה. כל עוד קיים האירגון שלנו במתכונת הנוכחית, משתדלים פעילי האירגון לעשות הכל, על מנת לקדש את זכר עירנו ותושביה היהודים אשר אינם. אנחנו מקיימים אזכרה שנתית ב"בית לייוויק" ואזכרה ביום השואה בבית הקברות בנחלת יצחק, על יד המצבה לזכר קדושי לובלין ומיידנק.

אנחנו מקיימים קשרים עם יוצאי לובלין בכל העולם, שולחים להם את עיתון "קול לובלין". אנחנו מוציאים את העתון כל שנה, למרות הקשיים אשר גורם להם הזמן. מקיימים קשר הדוק עם הפדרציה העולמית של יהודי פולין. כמו כן מקיימים יחסים עם הליגה לידידות פולין-ישראל. חברי הליגה, ובראשם יושבת הראש הגב' קובייקו, פועלים רבות למען הנצחתם של יהודי לובלין. הם מקיימים אירועים שונים ועורכים מפגשים בחגי ישראל, בחדר הזכרון, אשר ברחוב לוברטובסקה 10.

החלום של פעילי האירגון הוא לגייס ולהפעיל את הדור

←



בנין ישיבת חכמי לובלין - כעת בית-ספר לרפואה

teatrnn.pl

## התוכן • אינהאלט


הוקם דור המשך של יוצאי לובלין / המערכת 1
אלגיית העיירות היהודיות / אנטוני סלונימסקי 3
ערב יום הזכרון לשואה ולגבורה / ציפורה דסקל-וייסלפיש 4
ילדים בשואה / אסתר לנגלבן-קלוויר 4
דער אנהייב פון טראגישן סוף 5
לובלינער געשטאלטן - דמויות מלובלין 6
פנים-אל-פנים מיט דער חורבן-טעמאטיק /
משה שולשטיין 7
זה היה בלובלין לפני השואה (תמונות) 8-11
ס'טוט וויי... / מרדכי געבירטיג 12
די עלעגיע פון יידישע שטעטלעך / אנטאני סלאנימסקי 12
לובלין - סיביר - לובלין - ניו-יורק 13
מיינע צוויי לובלינער זיידעס / מענדל וויסמאן 15
לובלינער קוריאזן / אברהם בינשטאק 17
מחנה העבודה בלז'ץ 18
אין א לאגער הינטער לובלין / יהודה עלבערג 19
דער נס אין לובלין 20
חיימקע הקיבוצניק / יוסף אכטמן 21
די לעווערטאווער גאס / דב ליבערמאן 22
דער לאגער אויף ליפאווי 7 אין לובלין 23
פארוואס האב איך פארלאזן לובלין / מענדל לעווינבוים 24
איין באדן - צווי טעמפלען 25
צוזאמענטרעף מיט די פרעזידענטן פון די צווילינג-שטעט
לובלין-רשל"צ 26
לכבוד האחיות וצוות המטפלים / חיים שביט 26
פרידה הוכבוים - בת 90 27
כותבים לנו - מען שרייבט אונדז 28
לזכר הנפטרים 32
תרומות 39
WSPOMNIENIA Z DZIECINSTWA/ Bronia Friedman-Rachman 41
GHETTO W LUBLINIE 33
SUMMARY / Adam Janiszewski 44



# "קול לובלין"

שנתון ארגוני הלובלינאים בארץ ובחו"ל
המערכת - רעדאַקציע:
מרק אורטמן, צשה פישר-טרכטנברג,
א. שריפט, דוד שטוקפיש
*
**כתובת המערכת: אַדרעס פון רעדאַקציע:**
**"קול לובלין", תל-אביב דיזינגוף 158**
"Kol Lublin" Tel-Aviv, Dizengof 158, Israel
*
דפוס שלמה לוי, תל-אביב, טל' 03-6881727


השני והשלישי של יוצאי לובלין לפעילות שלנו. לצערנו, עד עכשיו נתקלנו בחומה של אדישות או לפחות חוסר עניין מצד ילדינו ונכדינו: האם הדבר באשמתנו? ידועה לנו הרתיעה, בעיקר מצד פליטי השואה, מלספר את קורותיהם לילדיהם. היו לכך שתי סיבות עיקריות: א) ההורים לא רצו לצער את ילדיהם בסיפורים הטרגיים על עברם. ב) קשה היה להורים להזכר במראות הזוועה ובאירועים האכזריים שעברו עליהם. כולם רצו רק לשרוד, לבנות מחדש את חייהם וחיי משפחתם. האם עכשיו כבר איחרנו את המועד? בשנים האחרונות קבוצות של ילדים ונוער נוסעים לביקורים בפולין. אין ספק, שהילדים חוזרים משם עם רשמים חזקים. ההשפעה של הביקור קשה מאד לרבים מהם. לדעתנו, אנחנו צריכים לעשות הכל, כדי למשוך את הצעירים לעבודה הקדושה למען אירגוננו, אחרת אין לנו ולמורשתנו המשכיות. הגיע הזמן לעבור מדיבורים למעשים, לתקן את ההזנחה של שנים.
לפני שנה וחצי התחלנו בפעולות בכיוון זה. ערכנו פגישה של מספר חברים, שהביעו נכונות ורצון להצטרף לפעילות ב"דור ההמשך".

בפגישה הנ"ל הוחלט להדפיס טפסים (הצטרפות) ולחלק אותם בין החברים המתאימים.

את התפקיד הזה לקח על עצמו עו"ד יוסף דקר, שהדפיס ושלח את הטפסים לבני עירנו "הצעירים". תוך זמן קצר וסביר חזרו הטפסים עם תשובות חיוביות מעשרים אנשים, המוכנים לתת כתף לפעילות של "דור ההמשך".

אנו מאמינים שעוד רבים וטובים יצטרפו לעבודה הקדושה של הנצחת קדושי עירנו.

**המערכת**



**הגירוש • די אויסזידלונג**



teatrnn.pl

* אנטוני סלונימסקי

# *אלגיית העיירות היהודיות

תרגם רפי וייכרט

אֵין לְךָ כְּבָר, אֵין בְּפּוֹלִין עֲיָרוֹת יְהוּדִיּוֹת,
בְּחְרוּבִּישׁוּב, קְרָצֶ׳ב, בְּרוֹדִי, פַּלֶנִיץ
לַשָּׁוְא תְּחַפֵּשׂ נֵרוֹת דְּלוּקִים בַּחֲלוֹנוֹת
מַאֲזִין לַשִּׁירָה בְּבָתֵּי כְּנֶסֶת מֵעֵץ.

נֶעֶלְמוּ הַשְּׁאֵרִיּוֹת הָאַחֲרוֹנוֹת, סְחָבוֹת יְהוּדִיּוֹת,
כִּסּוּ אֶת הַדָּם בַּחוֹל, מָחוּ אֶת הָעֲקֵבוֹת
וּבְסִיד מַכְחִיל הִלְבִּנוּ אֶת הַקִּירוֹת,
כְּמוֹ אַחֲרֵי מַגֵּפָה אוֹ לִכְבוֹד חֲגִגוֹת גְּדוֹלוֹת.

יָרֵחַ אֶחָד מַבְהִיק פֹּה, צוֹנֵן, זָר, מַחֲוִיר
וּמֵאֲחוֹרֵי הָעִיר עַל הַכְּבִישׁ כְּשֶׁהַלַּיְלָה בּוֹעֵר וְאֻכָּל,
קְרוֹבֵי הַיְּהוּדִים, בַּחוּרִים לְמוֹדֵי-שִׁיר,
לֹא יִמְצְאוּ אֶת זוּג יַרְחֵי הַזָּהָב שֶׁל שַׁאגָאל,

יְרֵחִים אֵלֶּה מְרַחֲפִים כְּבָר מֵעַל כּוֹכָב אַחֵר,
עָפוּ נֶחֱרָדִים מִן הַשְּׁתִיקָה וְהַקִּרוּר.
כְּבָר אֵינָן הָעֲיָרוֹת בָּן הַסַּנְדְּלָר הָיָה מְשׁוֹרֵר,
הַשָּׁעָן פִּלוּסוֹף, הַסַּפָּר טְרוּבָּדוּר.

כְּבָר אֵינָן עֲיָרוֹת אֵלֶּה, שָׁם אֶת שִׁרַת תְּהִלִּים
בְּשִׁיר קוֹלָנִי וְצַעַר סְלָבִי מָזְגוּ רוּחוֹת,
הֵיכָן שֶׁבַּגַּנִּים תַּחַת צֵל דֻּבְדְּבָן יְהוּדִים זְקֵנִים
בָּכוּ אֶת חוֹמוֹת יְרוּשָׁלַיִם הַקְּדוֹשׁוֹת.

אֵינָן הָעֲיָרוֹת הָאֵלֶּה, חָלְפוּ כִּצְלָלִים
וּצְלָלִים אֵלֶּה יָנוּחוּ בֵּין הַמִּלִּים,
לִפְנֵי שֶׁיִּקְרְבוּ וְיִתְאַחֲדוּ בְּאַחֲוַת אַחִים
שְׁנֵי עַמִּים שֶׁמֵּאוֹתוֹ הַסֵּבֶל נִזּוֹנִים.

* משורר יהודי, מיצירותיו בשפה הפולנית.
* אֶלֶגיה - מיוונית - שירת תוגה

---

אירגון יוצאי לובלין בישראל * תל-אביב, רח׳ דיזנגוף 158

# ערב זכרון לקדושי עירנו

יתקיים ביום שלישי 28.11.2000 (א׳ כסלו תשס״א), בשעה 19:00
באולם בית לייוויק, רח׳ דב הוז 30, פינת גורדון, תל-אביב

בתוכנית:

הרצאה

החזן אריה בראון
לזכר הנפטרים

הדלקת 6 הנרות
פרקי קריאה

תחבורה: כל אוטובוסי "דן" ו"אגד" העוברים ברחובות דיזנגוף ובן-יהודה

האולם יהיה פתוח משעה 18:00

# ערב יום הזיכרון לשואה ולגבורה

ציפורה דסקל-וייסלפיש

בפמוטים הגבוהים
השחילו פרחים
הרבה פרחים
בכל פמוט
נר עבה,
כל נר - מיליון.

שישה עמדו פמוטים
שישה נרות עבים
כל נר - מיליון.
שישה פמוטים
שישה נרות עבים,
שישה מיליון.

שישה מיליון שנשמו
שישה מיליון
ליבות שפעמו
שישה מיליון מוחות
שישה מיליון צמאי חיים,
שישה מיליון מעונים.

והמילים נופלות
לבור עמוק,
לבורות - שחפרו לעצמם,
מורעבים, מעונים -
עד עפר ואפר מושפלים.
בציקלון 2 - חנוקים, שרופים.

קיבוץ מרחביה 1.5.2000

# ילדים בשואה

לנגלבן קלויר אסתר

יוסי הקטן מתולתל שערות
ילד חכם עם עיניים יהודיות
גדולות, מבריקות, פתוחות לרווחה
עם ניצוץ שובבי וחכמה גדולה
יוסי החביב אהב ילדים
יהודים, נוצרים, מכל המינים
תנו לו חיוך והוא כבר חבר
בשביל ילדים יהודיים נלחם כנמר
לא היה לו כלום לשחד ילדים
היה צנוע וטוב להורים
כשהציקו לו הושיט את הלשון
והיה זה נשקו האחרון
היה לפנות ערב, עוד כלום לא אכל
חיכה לחברים שיביאו מה לאכול
מרחוק ראה אותם בפחד חוזרים
עם גזר, ביס לחם ותפוחים רקובים
הנאצי הארור בילדים הבחין
חיכה עד שיבואו עם ה"מטעמים"
את הקטן העיף בזעם כעוף
לשני הכניס בעיטה ואגרוף
יתר הילדים בפחד התפזרו
בדרך השאירו את מה שצברו
תפוח, שני גזרים וצנון אדום
המקום נצבע בדם ילדים עד תום
יוסי רעם וכועס מאוד
רץ לחבורה בשארית כוחות
נתן בעיטה לנאצי במקום מסויים
כהרף עין גסס יוסי בתוך שלולית דם
השלג ירד לו כאילו כלום לא קרה
את גופתו של יוסי שלג לבן כיסה
התמזג הלבן בדם ילד אדום
והנאצי - צוחק עד היום
אלוהים בשמיים הזיל דמעה
על דמו הקדוש של הילד שלא פשע
הזיל דמעת דם באימה
כי במו ידיו עולם נורא ברא.

# דער אָנהייב פונעם טראַגישן סוף...

נאָכן פאַרענדיקן די מיליטערישע אַקציעס אויף דער פּוילישער טעריטאָריע, איז דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט צוגעטרעטן איינצופירן אַ נייע „אָרדענונג”. דעם 8טן אָקט. 1939, איז אויפן סמך פון היטלערס דעקרעט, אַ טייל פון פּוילישן שטח איינגעשלאָסן געוואָרן אין דריטן רייך. אויף דעם אַנדערן שטח האָט מען דעם 26סטן אָקטאָבער געשאַפן דעם אַזוי גערופענעם גענעראַל־גובערנמענט. דאָס האָט געזאָלט זיין אַן איבערגאַנג־ליזונג. די דאָזיקע שטחים האָבן שפּעטער באַדאַרפט באַזעצט ווערן דורך דייטשן.

אין 1941 האָט דער גאַנצער שטח, וואָס איז געווען באַוווינט דורך פּאָלאַקן און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ביזן אויסברוך פון וועלט־קריג אין סעפּטעמבער 1939, זיך געפונען אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

ד״ר האַנס פראַנק, וואָס איז דורך היטלערן נאָמינירט געוואָרן אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר. האָט פאַראָרדנט צו שאַפן אויף דעם שטח 4 אַדמיניסטראַטיווע דיסטריקטן: קראָקעווער, לובלינער, ראַדאָמער און וואַרשעווער. בראש פון יעדן דיסטריקט איז געשטאַנען אַ גובערנאַטאָר.

אין לובלינער דיסטריקט האָבן דעם דאָזיקן אַמט פאַרנומען: ד״ר ערנעסט זשאַרנער און ריינהאַרדט ווענדלער.

פון נאָוועמבער 1939, ביז סעפּטעמבער 1943, איז אָדילאָ גלאָבאָצניק געשטאַנען בראש פון דער עס. עס. און דייטשער פּאָליציי. מיט זיין פּערזאָן, איז פון אָנהייב אָן פאַרבונדן דער אכזריותדיקער טעראָר, וואָס האָט גורם געווען צו צאָלרייכע קרבנות צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין לובלינער דיסטריקט.

אין רעזולטאַט פון זיינע גרויסע ״פאַרדינסטן״, האָט גלאָבאָצניק דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל אין זיין היטלעריסטישער קאַריערע. אין יולי 1941 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס באַפולמעכטיקטער צו שאַפן עס. עס. צענטערן אויף די מזרח־געביטן. אין 1942 איז גלאָבאָצניק געוואָרן דער לייטער פון דער נאַצי־פּאַרטיי אין דיסטריקט. די קאָנצענטראַציע פון פיל פונקציעס, האָט פאַרוואַנדלט גלאָבאָצניקן אין דעם אַבסאָלוטן האַר איבערן לעבן און טויט פון מיליאָנען מענטשן פון די מזרח־געביטן. לויט די אָפיציעלע אָנגאָבן, האָבן אין לובלינער דיסטריקט געלעבט אין 1939 אַ 22,400.00 נפשות.

פון אָנהייב פון דער אָקופּאַציע, גענוי ווי אויפן גאַנצן אָקופּירטן שטח, זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דראַסטישע פאַראָרדענונגען קעגן יידן. זיי זענען באַרויבט געוואָרן פון אַלע רעכט. באַלד פון אָנהייב איז די שקלאַפן־אַרבעט געוואָרן איינע פון די טעראָר־שיטות. פון דעם האָבן גענאָסן מיליטערישע, פּאָליציייִשע און אַדמיניסטראַטיווע איינהייטן און דייטשע אונטערנעמונגען, וועלכע מ׳האָט אויפגעשטעלט אין די אָקופּירטע געביטן. די שקלאַפן־אַרבעט אין די דייטשע אונטערנעמונגען איז געוואָרן אַ רינגעלע אין דער קייט פון די פאַרניכטונג־מיטלען. אויך די עס. עס. האָט איינגעזען, אַז זי קאָן געניסן פון דער שקלאַפן־אַרבעט אין לובלינער דיסטריקט און געשאַפן אין שטאָט די ערשטע אונטערנעמונגען. אַ ברייטע טעטיקייט האָט אַנטוויקלט די אונטערנעמונג „דויטשע אאוס־ריסטונגסווערקע” (דייטשע באַוואָפענונג־פאַבריקן). גלייך פון אָנהייב האָבן יידן געבילדעט דעם גרעסטן אַרבעט־כוח.

צו ערשט האָט מען די יידן געבראַכט פון דער שטאָט. שפּעטער האָט מען פאַר זיי אָנגעהויבן בויען אַ לאַגער אויף דער ליפּאָווע גאַס 7. די באַראַקן האָבן אויסגעפילט טויזנטער יידן. דעם לאַגער האָט מען אָנגעהויבן באַזעצן אין 1940. אין דעם יאָר זענען אין לאַגער שוין געווען יידן מחוץ דעם לובלינער דיסטריקט.

אין די יאָרן 40־1941, האָבן די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען אָנגעהויבן צו באַפרייען פון די לאַגערן פּוילישע קריגס־געפאַנגענע. די פּאָלאַקן, וועלכע מען האָט באַרויבט פון די רעכט אַלס געפאַנגענע, האָט מען געשיקט אויף צוואַנג־אַרבעט אין דריטן רייך, צווינגנדיק זיי דערביי אונטערצושרייבן אַ דעקלאַראַציע. די וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן, האָט מען פאַרהאַלטן אין די לאַגערן. אַ גאַנץ אַנדערן גורל האָבן געהאַט די יידישע געפאַנגענע, פּוילישע בירגער. ביי די וואָס מ׳האָט צוגענומען די רעכט פון געפאַנגענע, האָט מען געשיקט אין אַרבעט־לאַגערן אויפן גאַנצן שטח פון אָקופּירטן פּוילן. פיל גרופּן האָט מען געבראַכט קיין לובלין און איינקוואַרטירט אין דעם לאַגער אויף ליפּאָווע. אַ פּאָר הונדערט יידן האָט מען געבראַכט אין יאַנואַר 1941 פון לאַגער 8ב (לאַמבינאָוויצע). פיל יידן האָט מען געבראַכט פון לובלין און לובלינער געגנט. די אַרעסטירטע אין דעם לאַגער האָבן געבילדעט דעם הויפּט אַרבעט־כוח פאַר די וואַרשטאַטן פון „דאַוו”. דער לאַגער האָט נישט געענדערט זיין כאַראַקטער אויך נאָך דעם, ווי ס׳האָט אָנגעהויבן זיין טעטיק דער לאַגער אין מיידאַנעק.

דער הויפּט אַרבעט־פּלאַץ פון די אַרעסטאַנטן זענען געווען די וואַרשטאַטן פון „דאַוו”. מיט אָפּטיילונגען פאַר שוסטערס, שניידערס, אויטאָ־מעכאַניקער, אַן אונטערנעמונג פאַר דאַך־פּאַפּע און אַן אונטערנעמונג פאַר מיליטערישע קעסטלעך. מיטן וווּקס פון דער צאָל וואַרשטאַטן, איז אויך געוואַקסן די צאָל אינטערנירטע.

פון די געבראַכטע אין לאַגער יידן פון די סטאַלאַגן אין די יאָרן 1940—1941, ביזן 30סטן נאָוועמבער 1943, זענען געבליבן נאָר געציילטע. פיל פון זיי האָט די עס. עס. אין 1941 גענומען צו בויען דעם לאַגער אין מיידאַנעק. זיי ווערן נישט אָנגעגעבן אַלס אַרעסטאַנטן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער מיידאַנעק. עס פעלן נאָך באַווייזן וועגן דעם, אַז אין 1941 האָט מען זיי איינקוואַרטירט אין דעם טייל לאַגער, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די סאָוויעטישע געפאַנגענע. אַ וויכטיקע באַדייטונג האָבן די זכרונות פון דעם געוועזענעם אַרעסטאַנט, דעם לאַגער־דאָקטער טאַדעאוש קאָשיבאָוויטש, וועלכער האָט זיך דאָרט געפינען זייט דעם 27סטן נאָוועמבער 1941. ער שטעלט פעסט, אַז אין דער צייט האָט מען געהאַלטן אין לאַגער אַ 1500 סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. אין פאַרלויף פון 3 וואָכן, האָט זיך זייער צאָל פאַרקלענערט אויף עטלעכע ניינציק. די אַנדערע זענען אויסגעשטאָרבן, אָדער דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן. קאָשיבאָוויטש באַשטעטיקט אין זיינע זכרונות, אַז די יידן, געוועזענע געפאַנגענע פון לאַגער אויף ליפּאָווע 7, זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין אַ קורצער צייט.

דער גורל פון די יידן אין לאַגער אויף ליפּאָווע איז געווען באַזונדערס אכזריותדיק. זייער לעבן איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן דעם 3טן נאָמוועמבער 1943. די שנאה צו יידן איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן, אין רעזולטאַט פון אומזיסטער אַרבעט, האָט זיי נישט פאַרהיטן פון אומקום. דער טאָג פון 3טן נאָוועמבער 1943, וועט אויף שטענדיק פאַרבלייבן אַ סימבאָל פון אַ שאַנדהאַפטן מאַסן־מאָרד.

דער באַוואָפנטער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין אַנדערע געטאָס און לאַגערן. דעם 3טן אויגוסט, איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טרעבלינקע. דעם 16טן אויגוסט האָבן דאָס זעלבע געטאָן די יידן פון ביאַליסטאָקער געטאָ. קורץ נאָך די געשעענישן, דעם 15טן אָקטאָבער 1943, איז אויסגעבראָכן אַ באַוואָפנטער קאַמף אין טויטן־לאַגער סאָביבאָר.

די היטלעריסטן האָבן פאַרלוירן די זעלבסטזיכערקייט, אפילו צווישן די יידן אין די הערמעטיש־איזאָלירטע לאַגערן. אַלס ענטפער אויף די אויפשטאַנדן, האָט הימלער באַשלאָסן דורכצופירן אין נאָוועמבער 1943 מאַסן־עקזעקוציעס אין לובלינער ראַיאָן, אין וועלכע ס׳זענען אומגעקומען 48.000 מענטשן, צווישן זיי — 18.000 אין מאַידאַנעק.

אין די מאַסאַקרעס זענען אומגעקומען ביי 8000 יידישע מענער און פרויען אין מיידאַנעק, ביי 6500 יידן (פרויען און מענער) אין לאַגער אויף ליפּאָווע און ביי 3000 יידן אין אַנדערע ערטער.

# לובלינער געשטאַלטן • דמויות מלובלין



בעלא מנדלסברג, אפרים רוזנבלום, בעלא שאפירא, יעקב ניסענבוים



הרב שאפירא (רעכטס), משה אייזנבערג (לינקס), בעת א באזוך אין אַ קינדער-היים אין שליחות פון ישיבת חכמי לובלין



פארקויפערינס פון "הייסע באבעלעך" אויף דער בריק

## הערש פראַקטער

איז געווען באַקאַנט אין לובלין אונטער דעם פּאָפּולערן אין ליבנספּולן נאָמען „דער לערער פראַקטער". זיין נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין אין שטאָלץ און עכטע יידישע פאָלקסטימלעכקייט, האָט ער דעמאָנסטרירט גראד אין איינער פון די גרעסטע פעסטונגען פון אַסימילאַציע — די



„פּאָוישעכנע" שול פאַר יידישע קינדער, די א. ג. „שאַבאַסוווקע". די שילער פון דער 28־ער שול אויף לובאַרטאָווסקע 24 (שפּעטער — אויף זאמאיסקע 21), האָבן זייער געשעצט דעם שטענדיק שמייכלענדיקן און האַרציקן לערער, וואָס האָט אזוי גוט געקענט זיינע תלמידים ווי זייערע עלטערן. הגם פאַרטייאיש האָט פראַקטער געהערט צו פועלי־ציון (צ. ס.) און אַ געוויסע צייט רעפּרעזענטירט די דאָזיקע פאַרטיי אין דער יידישער קהילה אין לובלין, האָט אים קיינער נישט געקאָנט פאַרוואַרפן פאַרטייאישן פאַנאַטיזם און סעקטאַנטישקייט. ער האָט ליב געהאַט אַלץ און אַלעמען וואָס איז געווען יידיש, פאָלקסטימלעך און נאַציאָנאַל.

די מלחמה־יאָרן האָט פראַקטער אַדורכגעמאַכט אין רוסלאַנד, אויף פאַרשיקונג. אומקערנדיק זיך קיין לובלין אין יאָר 1946, איז ער דאָרט געווען אַקטיוו ביים אָרגאַניזירן די לאַנדסמאַנשאַפט און ביי אַנדערע געזעלשאַפטלעכע ארבעטן. אין יאָר 1950 האָט ער צוזאַמען מיט זיין פרוי עולה געווען קיין ישראל און געאַרבעט אין דער סוכנות אַלס באַאַמטער. פון 1951 ביז 1959 איז ער געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין דעם אירגון יוצאי לובלין בישראל און אַ דאַנק זיין אַקטיוויטעט און ערלעכקייט זיך דערוואָרבן אַלעמענס סימפּאַטיע.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

# פּנים־אל־פּנים מיט דער חורבן־טעמאַטיק

משה שולשטיין, פּאַריז

(אויסצוגן פון זיין רעדע געהאַלטן אויפן אָוונט געווידמעט זיין בוך „ביים פּנקס פון לובלין")

פון האַרצן רייסט זיך אַרויס דאָס וואָרט „גוט יום־טוב", אָבער עס פאַרהאַלט זיך גלייך, ווי עס וואָלט פאַרקילט געוואָרן אויף די ליפּן. איך הער ווי אַן אינערלעכע שטים פרעגט ביי מיר: צי מעג מען אָנרופן יום־טוב דאָס פייערן ס׳דערשיינען פון אַ בוך פון אונדזער צער, פון אונדזער ווייטיק?

אָבער איך אַליין וויל געפינען אַ זכות פאַר אָט דעם אויסרוף, פאַר אָט דעם ווונטש, וואָס רייסט זיך אַרויס פון מיר: זענען דאָך פאַראַן ביי יידן צווייערליי יום־טובים. יום־טובים פון פרייד און יום־טובים פון טרויער. אויב אין שמחת־תורה פרייט מען זיך, טרויערט מען און מען לעבט איבער פאַרכטיקייט אין יום־כיפור. פון דעסטוועגן ווערט יום־כיפור אויך אָנגערופן יום־טוב, וואָס דאָס באַדייט אַ גוטער טאָג. קאָן מען דאָך פרעגן: וואָס פאַר אַ גוטער טאָג קאָן דאָס שוין זיין אויב מען טאָר גאָר־נישט נעמען אין מויל אַריין און מען פייניקט זיך און מען שרעקט זיך און מען ציטערט פאַרן לעבן? איז אָבער דער ענטפער, אַז טראָץ אַלעם לעבט מען אין אָט דעם טאָג מיט דער האָפענונג פאַרן מאָרגן. און מיר, אין דעם זכות וואָס אין אונדזער צער לעבן מיר אויך מיט דער האָפענונג פאַרן מאָרגן, פאַר בעסערע און שענערע צייטן — לאָמיר זיך זאָגן גוט־יום־טוב.

עס איז פאַר מיר אַ גרויסע זכיה דאָס וואָס מיין בוך „ביים פּנקס פון לובלין" האָט געקאָנט היינט פאַרבינדן לאַנדסלייט מיט לאַנדסלייט פון לובלין און לובלינער געגנט, פון וואַנען איך אַליין קום אַרויס, און בכלל יידן מיט אַ פאַרשידענעם בליק אויפן לעבן. איך זאָג בכלל יידן, ווייל מיין בוך איז דאָך סוף־כל־סוף נישט בלויז פאַר לובלינער, נאָר פאַר אַלע יידן, ווייל ביים שאַפן מיין פּאָעמע האָב איך אין זינען געהאַט אַלע אונדזערע שטעט און שטעטלעך, אָפּגעמעקטע און אָפּגעווישטע מיט אונדזער גאַנץ לייב און לעבן. און אויב מעג אַ מענטש זיין שטאָלץ מיט זיינעם אַ פּערזענלעכן אויפטו, טאָ זאָל מיר דערלויבט זיין צו זיין שטאָלץ מיט דעם כאַראַקטער פון דער געמיינזאַמקייט און געאייניקטקייט פונעם היינטיקן אָוונט, וואָס איך האָב אים באַגערט און סטימולירט, געהאַלטן פאַר רעכטפאַרטיק און ערנהאַפטיק אַז מיר זאָלן אַלע, ווי לאַנדסלייט מיט לאַנדסלייט, לכל הפחות בעת אַן אָוונט לכבוד אַ בוך וועגן אונדזער אומקום, זיצן צוזאַמען אַזוי ווי אין די טעג פון אונדזער אומקום, ווען מיר זענען געזעסן צוזאַמען אויף די אומשלאַגפּלעצער, בעת היצן און קעלט, אונטער רעגן און שניי, דערוואַרטנדיק דעם טראַגישן גורל.

עס איז פאַר מיר אַ גרויסע סאַטיספאַקציע, וואָס אַ דאַנק מיין בוך וואָס איז די שאַפונג פון אַ יחיד, איז אַרויסגעקומען אַ דערגרייכונג וואָס איז לטובת הכלל.

עס איז אַן אַלטע טראַדיציע ביי די לובלינער, אַז אַ יחיד האָט נישט אין זינען זיך אַליין, נאָר דעם כלל.

עס ווערט דערציילט וועגן דעם לעגענדאַרן קעניג, דעם לובלינער ייד שאול וואַל, וועלכער פיגורירט אין מיין בוך, אַז ווי נאָר ער איז אַרויף אויפן טראָן, ווו ער איז געזעסן ניט מער ווי איין מעת־לעת, (דאָס איז געווען אין סוף זעכצנטן אָדער אָנהויב זיבעצנטן י"ה) האָט ער גלייך געזען צו טאָן גוטס פאַר יידן.

לויט דער לעגענדע האָבן די פּוילישע פּריצים צו יענער צייט אין לובלין נישט געקאָנט אַדורכקומען צווישן זיך וועמען אויסצוויילן פאַר אַ קעניג, און דאָס האָט געמוזט געשען דעם זעלבן טאָג. און אַזוי ווי מען האָט נאָך קיינעם נישט געקאָנט אויסוויילן, און בלייבן אָן אַ קעניג איבער נאַכט וואָלט דאָך געווען אַ גרויס אומגליק, ווייל מעז וואָלט דאָך, חס־וחלילה, נישט געקאָנט איינשלאָפן, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגיין אין גאַס און דעם ערשטן־בעסטן פאַרבייגייער, וואָס מען וועט אָנטרעפן צופעליק, זאָל מען אים באַשטימען אַלס צייטווייליקן קעניג. איז פּונקט פאַרבייגעגאַנגען דער ייד שאול וואַל און מען האָט אים געכאַפּט פאַר אַ קעניג.

מען האָט שוין געהערט, אַז מען זאָל כאַפּן אַ ייד צו די רעקרוטן, מען האָט שוין געהערט אַז מען זאָל כאַפּן אַ ייד צו צוואַנגס־אַרבעט. מען האָט שוין אויך געהערט אַז מען זאָל כאַפּן אַ ייד צום חתונה־מאַכן אים אויפן בית־עולם בעת אַ מגפה, אָבער אַז מ׳זאָל כאַפּן אַ ייד אויף צו זיין אַ קעניג, און גויים זאָלן נאָך זיין דערצו די כאַפּערס — דאָס האָט מען געהערט צום ערשטן מאָל.

שאול וואַל האָט נישט געהערשט מער ווי איין טאָג, ווייל צומאָרגנס האָבן זיך די פּוילישע פּריצים געאייניקט בנוגע אַ קעניגלעכן קאַנדידאַט. דער ייד האָט זיינס געטון און דער ייד האָט שוין געקאָנט גיין. אָבער אין דעם איינעם טאָג פון זיין הערשאַפט און טראַנשאַפט האָט שאול וואַל נישט אויסגענוצט דעם טראָן פאַר זיך זעלבסט, פאַר זיין עגאָצענטרישקייט, אייגננוץ און נישט פאַר זיין כבוד, נאָר לטובת הכלל. און נעמלעך: ער האָט גלייך אַרויסגעגעבן דעקרעטן און באַשטימט פּריווילעגיעס לטובת די יידן...

דער איצטיקער מאָמענט, ווען מען פייערט דאָס דערשיינען פון מיין בוך „ביים פּנקס פון לובלין" איז פאַר מיר יום־הדין און חשבון־הנפש. איך פיל, אַז איך דאַרף אָפּגעבן אַ דין־וחשבון סיי זיך אַליין און סיי אַלעמען. און איך האַלט פאַר מיין חוב זיך צו טיילן מיט מיינע לייענער, מיט דעם וואָס איך האָב געפילט בעת איך האָב געשאַפן מיין בוך „ביים פּנקס פון לובלין".

איך האָב שוין נישט איין מאָל געזאָגט און אויך דאָס מאָל, אַז איך וועל זיך מער נישט אומקערן צו דער אומקום־טעמאַטיק. פאַרוואָס? איז עס דען צוליב דעם ווייל איך וויל אַנטלויפן פון איר, פאַרגעסן, אָדער ווייל איך האַלט, אַז אונדזערע וווּנדן האָבן זיך שוין פאַרהיילט? ניין, זיכער נישט צוליב דעם. דעם ווייטיק, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט אין אונדזערע הערצער די שוידער־תקופה פון מיט אַ פערטל־יאָרהונדערט צוריק, וועט די צייט נישט אָפּטעמפּן. אויך וועלן קיין שום אַנטשעדיקונגס־באַנקנאָטן נישט קאָנען זיין קיין פלאַסטערס אויף אונדזערע וווּנדן.

אויב איך זאָל זיך אַפילו געבן אַ נדר אַוועקצוגיין פון דער אומקום־טעמאַטיק, האָט זי, די אומקום־טעמאַטיק, אויך נאָך וואָס צו זאָגן. און זי זאָגט, אַז אויב אַפילו איך זאָל אַוועק פון איר, וועט זי נישט אַוועק פון מיר. נישט בלויז לעב איך מיט איר, נאָר קודם־כל, און דער עיקר, לעבט זי מיט מיר.

...צי דאַרפן מיר, צוליב פּערזענלעכע יחידישע קוועלענישן און אויך צוליבן אונטערגערוקטן ספק: „צי מען האָט געקענט און צי מען האָט געמעגט", גאָרנישט איבערלאָזן פון אונדז, דעם דור השחיטה, פאַר די קומענדיקע דורות, וועגן דעם וואָס מיר האָבן געפילט און איבערגעלעבט? זיי וואָלטן, דוכט זיך מיר, אונדז קיינמאָל דאָס נישט מוחל געווען.

נאַטירלעך, וועט די צייט מאַכן דעם געהעריקן אָפּקלויב אין דעם ליטעראַרישן אָנגעזאַמל. עס וועט בלייבן דאָס וואָס וועט אויסהאַלטן די פייער־פּראָבע פון דויער.

די צייט איז אַ וווּנדערלעכע זיפּ און זי זיפּט און זי לאָזט דורך בלויז דאָס וואָס איר שטייט אָן, דאָס וואָס איז איר צום געשמאַק און וואָס איר איז צום האַרצן. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדערער ענין.

די צוקונפט לייגט אַרויף אויף אונדז, יידישע שרייבער, יידישע שעפער אַ חוב: נישט צו קומען מיט ליידיקע הענט פאַרן פּנים פון אונדזערע יורשים, די קומענדיקע דורות.



אידאַ קאַמינסקאַ

דינסטיק, דעם 25-סטן, מיטוואָך, דעם 26-סטן „די מוטערשאַפט"

דאָנערשטיק, דעם 27-סטן דאָס דריטע געשלעכט

טעאַטער „פּאַלאַס"

לעצטע 5 טעג!

מאָריס שוואַרץ

יאָשע קאַלב

eatr Miejski pod dyr. St. Brylińskiego

W piątek dn. 3.x premjera, w sobotę 4 i w niedzielę 5

„Mirla Efros" (מירעלע אפרת)

złośna sztuka w 4-ch aktach J. Gordina, przekład A. Marka,

ład sceniczny J. Turkowa. Początek o godz. 8,15 wiecz.

Kasa dzienna czynna od 10-2 pp. Kasa wieczorowa od godz. 5 pp.

teatr żydowski

יידיש טעאַטער

שמחה נאַטאַן

דער גולם

ייד. טעאַטער פּאַלאַס

נאָר 3 גאַסטשפּילן

אַלעקסאַנדער גראַנאַך

די געלע לאַטע

יידיש טעאַטער שפּיטאַלנע 11, טעל. 16-89

דער גאַסט רודאָלף זאַסלאַווסקי

שלום עליכם

טוביה דער מילכיקער

פּרנסה

יידיש טעאַטער „פּאַלאַס"

נאָר 3 טעג

טורקאָוו און בלומענפעלד

אַטענטאַט

ר. שושנה און מאָריס לאַמפּע

צעריסענע הערצער

טוביה דער מילכיקער

טעאַטער ביליקער ווי קינא

פּרייזן: 25, 40

דינסטיק דעם 7. פונקט 7 אָוו.

מיטוואָך דעם 8. פונקט 9 אָוו.

נאָר 2 קאָנצערטן

יאָסעלע קאַלאַדני

„דאָס בעסטע פון בעסטן"

מאָרגן, שבת, דעם 24 טן 9 אָוונט

נאָר 1

גרויסער קאָנצערט

זמרה זעליגפעלד

פאַלקס-קאָ...

פאַלאַ פאַלמאַן











בילדער פון דער יידישער געגנט אין פאַרמלחמהדיקן לובלין: רעכטס אויבן — אַ טייל פון דער „יידישער בריק"; אונ־טער דעם — אַן אַלטע גאַס; לינקס אויבן — דער בלינדער, אַ באַקאַנטע פיגור פון די לובלינער גאַסן; אונטער דעם — אַ געסל אויפן וועג צו שעראַקאַ; אונטן — אַ טייל פון דער א"ג „יידישער גאַס", די שעראַקאַ.

# רחובות בלובלין ● לובלינער גאסן




רחוב לוברטובסקה



רחוב רוסקה



teatrnn.pl

# Historia

## GAZETA ŻYDOWSKA W LUBLINIE (1916-1918)


Rok I. № 33. Lublin, 14 Listopada 1916 roku. W Lublinie cena 20 halerzy. po za Lublinem „ 30 „

MYŚL ŻYDOWSKA

TYGODNIK SPOŁECZNY

CENA PRENUMERATY
w Lublinie:
Rocznie — — 12 kor. — hal
Kwartalnie — 3 „ — „
Miesięcznie — 1 „ — „
z przesyłką pocztową:
Rocznie . — 14 kor. 40 h.
Kwartalnie — 3 „ 60 „
Miesięcznie — 1 „ 20 „
Zmiana adresu pocztowego 40 hal.

— Redakcya i Administracya: —
Radziwiłłowska № 3 m. 9. — —
Skrzynka poczt. № 24. — —
REDAKCYA OTWARTA:
w Poniedziałki, Środy i Czwartki od g. 5–7 pp.
ADMINISTRACYA:
codziennie od godz. 11 - 1 pp.

CENA OGŁOSZEŃ:
jednoszpaltowy wiersz petitem lub jego miejsce:
Przed tekstem — 80 hal.
Śród tekstu — — 1 kor.
Za tekstem — — 50 hal.
drobne po 6 hal. od wyrazu.
Redakcya za treść ogłoszeń nie odpowiada.
Rękopisów nie zwraca się.

Prenumeratę przyjmują: w Lublinie: Księgarnia Fabiana Forema - Krak.- Przedm. № 25., księgarnia E. Zyngerowej Krak.-Przedm. № 27, księgarnia Sz. Nisenbauma—Lubartowska 12; w Radomiu: księgarnia A. Najdika— Lubelska 17.

Ważnym elementem życia kulturalnego i społecznego żydowskich mieszkańców Lublina w latach I wojny światowej była prasa. Władze rosyjskie niechętnie udzielały zezwoleń na działalność wydawniczą. Tytuły, które zaczęły się ukazywać, z reguły były efemerydami, zazwyczaj poświęconymi sprawom gospodarczym i finansowym.

Dopiero okres okupacji austriackiej zaowocował pojawieniem się na lubelskim rynku wydawniczym dwóch czasopism żydowskich, które na dłużej wpisały się w rejestr lubelskich gazet i periodyków. Były to: „Myśl Żydowska", pierwszy na lubelszczyźnie organ prasowy społeczności żydowskiej wydawany w języku polskim i ukazujący się nieprzerwanie od początku 1918 r. do wybuchu II wojny światowej i „Lubliner Tugblat", dziennik związany ze środowiskiem żydowskich narodowców, określanych przez władze okupacyjne mianem „folkistów".

Dnia 7 marca 1916 r. ukazał się pierwszy numer „Myśli Żydowskiej". Wydawcą był kandydat nauk ekonomicznych Salomon Lewin, zaś redaktorem odpowiedzialnym kandydat nauk prawnych Ludwik Rechtszaft. Druku „Myśli" podjęła się zasłużona polska firma Pietrzykowskiego, zaś kolportażu i prenumeraty lubelskie księgarnie: Forema przy Krakowskim Przedmieściu 27, Zyngierowej przy Krakowskim Przedmieściu 25 i Nissenbauma przy Lubartowskiej 12, a także księgarnia A. Najdlika przy ul. Lubelskiej 17 w Radomiu.

W latach 1916-1917 ukazało się łącznie 77 numerów tygodnika, przy czym ostatni numer pod redakcją Rechtszafta nosił datę 28 IX 1917 r. Zmiany w składzie redakcji, której naczelnym został teraz Izaak Kerszman, a także trudności finansowe sprawiły, że kolejne numery pisma ukazały się dopiero w grudniu 1917 r.

„Myśl Żydowska", chociaż redakcja podkreślała jej bezpartyjny charakter, była trybuną środowiska neoasymilantów, głównie młodej inteligencji skupionej wokół Zjednoczenia Żydowskiej Młodzieży Demokratycznej.

W pierwszym numerze tygodnika ukazał się artykuł wstępny pióra Ludwika Rechtszafta, który tak charakteryzował cele i zadania redagowanego przez siebie pisma: „(...) Nastąpił moment, kiedy w Polsce wszyscy będą równi przed prawem, kiedy różnice narodowościowe będą należały do legend niedalekiej przeszłości. Wierzymy zatem, że i nasi polscy współobywatele pod wpływem wielkiej, historycznej zmiany, jaka zaszła w ich losach, wezmą rozbrat z bojkotem, napaściami, notorycznymi wymysłami i innymi patentowanymi środkami zawodowych żydomorów z „Dwugroszówek" i innych na wpółczcigodnych organów, zapomną o starej waśni i poczną uważać nas, Żydów za współobywateli, poczną z nami dzielić prace i troski o rządach tym krajem. (...) Tu, w tym miejscu chcemy zaznaczyć w sposób stanowczy i kategoryczny, że każdy Żyd powinien stać się prawdziwym obywatelem kraju, który on zamieszkuje i który go żywi, powinien czuć w sobie święty obowiązek niezmordowanego służenia temu krajowi..."

Rzeczywistość jednak okazała się zgoła inna i już w pierwszych dniach stycznia 1917 r. Rechtszaft zmuszony był stwierdzić: „(...) Jeżeli za główne zadanie naszego pisma obraliśmy obronę praw obywatelskich polskiego żydostwa, jeżeli jedyną dostępną nam bronią - piórem, staraliśmy się zwalczać zakorzeniony i nieuzasadniony przesąd, systematycznie szerzony przez organa określonej kategorii, a głoszący, że Żydzi są obcym, nieprzyjaznym żywiołem, że są wrogiem polskości, czyhającym na jej zagładę - to z żalem wyznać musimy, że wysiłki w tym kierunku nie wydały oczekiwanego plonu, nie uwieńczyły się, niestety pożądanym sukcesem."

Przyszłość polskiego żydostwa, niezależnie od reprezentowanych przezeń opcji politycznych, nierozerwalnie wiązała się jednak z przyszłym państwem polskim. Losy tego państwa były też obiektem zainteresowań publicystów „Myśli Żydowskiej", którzy niejednokrotnie na bieżąco komentowali wydarzenia polityczne, ich wpływ na przyszłość Polski i przyszłość zamieszkujących ją Żydów. Środowiska skupione wokół tygodnika zdecydowanie opowiedziały się po stronie lewicy niepodległościowej w dobie kryzysu przysięgowego, zaś gdy całe społeczeństwo polskie wstrząśnięte zostało sprawą przekazania Chełmszczyzny w ręce Ukraińców, fakt ten spotkał się z potępieniem także żydowskiej społeczności Lublina.

„Myśl Żydowska" miała aspiracje stać się nie tylko tygodnikiem społecznym, ale i kulturalnym, i literackim. W tym też celu każdorazowo drukowano specjalną rubrykę „Ze sceny i estrady", gdzie zamieszczano streszczenia, repertuar i recenzje sztuk teatralnych wystawianych na lubelskich scenach, najwięcej uwagi poświęcając oczywiście występom artystów żydowskich. Drukowano też fragmenty utworów literackich znanych pisarzy (m.in. Asza, Alejchema, Bialika, Pereca i Fruga).

Stosunkowo dużo miejsca poświęcono relacjom zamiejscowym, z których większa część drukowana była w „Listach do redakcji" i „Korespondencjach".

„Myśl Żydowska" była tygodnikiem stojącym na dość wysokim poziomie, redagowanym solidnie i nie szukającym tanich sensacji. Skupiając się w głównej mierze na życiu miasta, nie pomijała problemów natury ogólniejszej, najwięcej miejsca poświęcając oczywiście sprawom dotyczącym ludności żydowskiej. Śmiałość wystąpień jej redaktorów, nie wykraczających jednak w swych artykułach poza dobre obyczaje i rzetelność dziennikarską, nie przysporzyły jej przychylności prasy polskiej. Podobnie reprezentowany przez „Myśl" kierunek polityczny nie spotkał się z aprobatą większości społeczności żydowskiej wojennego Lublina. Mimo to krótki żywot tygodnika był ważnym wydarzeniem w dziejach lubelskiej prasy, w szczególności prasy żydowskiej i doniosłym krokiem naprzód w dziele tak upragnionego przez redakcję pisma „uspołecznienia mas żydowskich".

**Konrad Zieliński**

**W artykule wykorzystano pracę magisterską pt. „Życie kulturalne społeczności żydowskiej w Lublinie w czasie I wojny światowej", napisaną w Zakładzie Historii Nowożytnej UMCS w Lublinie pod kierunkiem prof. dr hab. Jana Lewandowskiego.**

מרדכי געבירטיג

## ס'טוט וויי...

ס'טוט וויי!
ס'טוט שרעקלעך וויי!
נישט אַזוי דער האַס,
וואָס אין שׂונא ברענט.
אַפילו נישט די קלעפּ
פון ווילדן שׂונאס הענט,
נישט דער מגן־דוד אויף דער האַנט.
אַ שאַנד!
אויף דורות לאַנג,
אַ שאַנד!
וועט דאָס זײַן פאַר זיי.
— — —
ס'טוט וויי!
ס'טוט שרעקלעך וויי!

ווען נישט דער פרעמדער שׂונא,
נאָר זיי!
פּוילנס זין און טעכטער,
וועמעס לאַנד אַמאָל
וועט שעמען זיך מיט זיי.
לאַכן, קײַכן פון געלעכטער,
זעענדיק אין גאַס
ווי אונדזער בײַדנס שׂונא
טרײַבט מיט ייִדן שפּאַס,
שלאָגט און פּײַניקט אַלטע לײַט,
פּלינדערט אומגעשטערט,
שנײַדט אַזוי ווי ברויט מען שנײַדט
ייִדן אָפּ די בערד...
און זיי!
וואָס זענען איצט ווי מיר
געבליבן אָן אַ לאַנד,
וואָס פּילן איצט ווי מיר

דעם ווילדן שׂונאס האַנט,
לאַכן. פרייען זיך און לאַכן
אין אַזאַ מאָמענט,
ווען פּוילנס שטאָלץ און כּבוד
ווערט אַזוי געשענדט,
ווען פּוילנס ווײַסער אָדלער
וואַלגערט זיך אויף דר'ערד
צווישן בערד,
שוואַרצע, גרויע האָר
פון ייִדנס בערד —
איז דאָס נישט אַ שאַנד
אַן אייביקער פאַר זיי?
איז דאָס נישט אַליין
אין פּנים זיי אַ שפּײַ?
ס'טוט וויי!
שרעקלעך טוט עס וויי!!!

קראָקע, פעברואַר 1940

אַנטאַני סלאָנימסקי

## די עלעגיע פון די יידישע שטעטלעך

נישטא שוין, נישטאָ מער אין פוילן די יידישע שטעטלעך געדיכטע.
אין הרוביעשאוו, אין קארטשעוו, אין פאלעניץ איז יידיק און שטיל.
אומזיסט וואלסטו געזוכט אין די פענצטער דעם שיין פון שבתדיקע ליכטלעך.
אומזיסט געוואָלט דערהערן ס'געזאנג פון דער הילצערנער שיל.

פארשוונדן דאס יידישע ארעמקייט. ס'איז שוין גארנישט געבליבן.
דאס בלוט האט מען מיט זאמד געטאָן פארשיטן, די שפורן פארווישן, צעשטויבן,
מיט קאלך מיט גרויען ציכטיק אויסגעווייסט די שטובן,
ווי נאך א פעסט א שווערן, אדער פאר גרויסע יום-טובים.

די לבנה אן איינזאמע, א פרעמדע, א קאלטע איצט פינקלט.
איצט, אונטערן שטעטל איבערן שאסיי, ווען די נאכט טוט צופאלן,
וואלטן מיינע (יידישע) קרובים, די פאעטישע יינגלעך,
מער נישט געפונען די צוויי גאָלדענע לבנות פון שאגאלן.

לבנות קרייזן שוין איצטער איבער אנדערע פלאנעטן.
זיי זענען אנטלאָפן פון דאנען. דערשיטערט פון דער טויטער שטילקייט געווארן.
נישטא מער, נישטא די שטעטלעך וווּ שוסטערס געוווען זענען פאעטן
זייגערמאכערס - פילאָזאָפן, שערערס - טרובאדורן.

נישטא מער, נישטא די שטעטלעך ווו ביבלישע געזאנגען
דער ווינט פלעגט מיט ליד מיט פוילישן און סלאווישן אומעט צעכוואליען,
ווו באבערדיקטע יידן אין די סעדער אונטער פרוכטןביימער
פלעגן ביטער באוויינען דעם חורבן פון ירושלים.

איבערזעצט פון פויליש: **יחיאל האָפער**

# לובלין-סיביר-לובלין-ניו יאָרק

## דער באזוך פון ח' כאנין ("סאמואיל") ביי דער יידישער ארבעטערשאַפט אין לובלין

אויגוסט, 1928

קיין לובלין קומט אן אמעריקאנער, וואס וויל זען דעם "בונד". מיר זענען געוואוינט, אז אמעריקאנער, וואס האבן זיך באוויזן אין לובלין, פלעגן אָפּשטאַטן א וויזיט ביים רב, אויפן בית-עולם, אין בית-המדרש, כדי צו באקומען "שישי", אמאָל אויך אין מושב זקנים, חברן זיך מיט די "פּני" אין לובלין, לאזן וועגן זיך "שרייבן אין די בלעטער" און ד. גל. און דא פלוצלינג - אן אמעריקאנער, וואס פרעגט זיך קודם כל אויף די יידישע ארבעטער און וויל "זען" דעם "בונד".

טראכט איך: אמעריקאנער, וואס קומען אין דער אלטער היים, וואו דער ראלאר איז אַזאַ חשוב, זענען נישט ארעם אין קאפריזן און מסתמא איז דאס עפּעס אויך נישט מער ווי א קאפריז אזעלכער.

דאָך, און אפשר דערפאר, בין איך געווען א בעלן צו כאפּן א בליק אויפן דאָזיקן אָריגינעלן אמעריקאנער.

ווארט איך אויף א צענטראלן פונקט, וואו עס פאָרן דורך די אוטאָמאָבילן פון דער באַן-סטאַציע. דער גאסט איז טאקע געקומען, אבער נישט מיט קיין אויטאָ. לאנגזאם שפּאצירט ער איבער די גאסן, קוקט זיך גוט ארום, באטראכט די הייזער, די פאַרבייגייער. דער גאסט איז נישט אליין. עס באגלייטן אים פון באנהויף א גרופּע יוגנטלעכע ארבעטער "צוקונפטיסטן".

-שלום עליכם.

עפּעס אזא היימיש פּנים, אזוי אייגן, אזא ליבלעכער בליק.

דער גאסט רעדט אויך ארויס שטיל זיין נאָמען, אבער איך האָב עפּעס נישט דערהערט.

זיצן מיר שוין אין א רעסטאָראן. איך באמי זיך צו וויילן דעם גאסט. די כוונה איז דאָ א ריין מאטעריעלע! ווייס איך וואָס, אן אמעריקאנער, אפשר וועט געלונגען צו באקומען ביי אים עטלעכע דאָלאר פאר די יידישע פאָלקס-שולן?

-וואָס טוט א ייד אין לובלין? געקומען אוודאי צו קרובים?

-יאָ, כ'בין געקומען אויף קבר-אבות.

ריכטיק, טראכט איך אין דער שטיל, א ייד איז זיך געקומען זאגן קדיש. מסתמא, זיך ארויפגעארבעט אין אמעריקע, האט ער זיך ערלויבט דעם לוקסוס פון א רייזע נאך "יו-ראָפּ". אבער, וואס וויל ער פון "בונד"?

-אויב קבר-אבות? -ווילט איר דאך מסתמא פארן צום בית-עולם?

-ניין. איך וויל באזוכן די טורמע אויפן "שלאָס"...

עפּעס א מאדנער אמעריקאנער. קבר-אבות און - טורמע... האָב איך נאָך נישט די דרייסטקייט צו שטעלן דירעקטע פראגן, דער גאסט אבער העלפט מיר אַרויס.

עס איז שוין אוועק א היבשע ווײַלע, דאָס ביר אין גלאָז איז נאָך נישט אָנגערירט. אונזער גאסט קוקט דורכן פענסטער פון רעסטאראן און רעדט שטיל, ווי צו זיך אליין:

-דיזעלבע גאס דיזעלבע באלקאנען... אט זענען דיזעלבע גרויע מויערן פון ראטהויז... דער שטאט-זייגער מיט 20 יאר צוריק האט מען מיך דא דורכגעפירט... קייטן אויף די הענט זשאנדארמעריע, רייטערפאליציי, קאזאקן, פול געווען די גאס מיט מענטשן, די באלקאנען געפּאקט. פון געריכט האט מען מיך דאמאלסט געפירט. צען יאר סיביר...

בין איך שוין אינגאנצן דעזאָריענטירט. ווער איז דאס! עפּעס א מאדנער!

-אבער, ערלויבט, וואס מיינט איר קבר-אבות אין טורמע? איר קענט אונזער תפיסה?

-אך, ליבער פריינט! ווי איך קען זי, ווי איך געדענק זי! אייער תפיסה איז דאך געווען דער קבר פאר די בעסטע פון מיינע יוגנט-יארן!

עמיץ האט צו וויסן געגעבן, אז דער "אמעריקאנער" איז שוין דא, און באלד עפנט זיך די טיר און אין רעסטאראן קומט אריין איינער פון די אקטיווסטע טוער פון "בונד" אין לובלין, דער פארזיצער פון ראט פון די פראפעסיאנעלע פאריינען, דער יונג-גרויגעווארענער חבר לייבל לערער. יענער ווארפט א פריידיק-איבערגעשראקענעם בליק צו אונזער טישל, וויגט פונאנדער די הענט.

-סאמואיל!!-

א דורכדרינגענדער בליק פון גאסט, און אויך ער שטעלט זיך אויף פון ארט.

-לערער!!

צוויי עלטערע מאנספערשוינען פאלן זיך אין די ארעמס, צוקושן זיך שטארק, רעדן מינוטן-לאנג א ווארט נישט, צוויי פאר אויגן ווילן געגנזייטיק דורשטיק לייענען פון פנימער, וואס זיי האבן צענדליקער יארן נישט געזען, די געסט אין רעסטראן ווערן מיטגעריסן פון דער דאָזיקער רירנדיקער סצענע. זיצן מיר שוין זאלבעדריט ביים טישל. כ'פיל, אז דער אמעריקאנער איז מיר גאר נאענט, אבער איך ווייס נאך אלץ נישט, ווער דאס איז. ביסלעכווייז ווערט מיר אלץ קלאר. חבר לערער און דער "אמעריקאנער" זיצן, דערציילן זכרונות.

חבר סאמואיל איז אין יאר 1905 דעלעגירט געווארן דורכן צענטראלן קאמיטעט פון "בונד" אויף "ארבעט" אין לובלינער ראיאן. חדשים לאנג איז אים געלונגען צו זיין קאנספירירט. וואס דרייסטער עס איז געווארן זיין ארבעט, אלץ שטארקער האט פאליציי און זשאנדארמעריע אים געזוכט און לסוף איז ער אין זייערע הענט אריינגעפאלן. די רעוויזיע האט אבער נישט געבראכט קיין פאקטישע באווייזן, חבר סאמואיל איז דעריבער געהאלטן געווארן אין טורמע. 2 יאר האט געדויערט די אויספארשונג, די

צארישע משרתים האבן געוואוסט, אז זיי האבן געפאקט א "פויגל" און בשום אופן איס נישט געוואלט ארויסלאזן. חבר סאמואיל איז געווארן א תושב אין טורמע. דער אנפירער פון די פאליטישע ארעסטירטע, און אט האט זיך געמאכט א געלעגנהייט, וועלכע האט געגעבן א מעגלעכקייט די צארישע תלינים צו שטעלן אים פאר א געריכט.

אין א פראסטיקן ווינטער-פרימארגן האט מען אין טורמע-הויף אריינגעבראכט א יונגן בחור און דארט איס מוראדיק געשלאגן. מיט נאהייקעס איבערן פנים, מיט קאלבעס איבערן קאפ. דער בחור איז א באגאסענער מיט בלוט געפאלן פון די פיס. חבר סאמואיל האט אין קאמער דערהערט די געשרייען פון דעם געשלאגענעם, ארויפגעכאפט זיך אויפ'ן פענסטער און הויך פראטעסטירט. די צארישע זעלנער האבן אויף איס אנגעשטעלט זייערע ביקסן. חבר סאמואיל האט זיך נישט איבערגעשראקן און געהאלטן א רעדע צו די זעלנער, אין א פשוטער, אבער קרעפטיקער רוסישער שפראך האט ער זיי אויפגעקלערט, וועמען זיי דינען און וועמען זיי שלאגן. די ווירקונג איז געווען א בליץ-שנעלע און אַ וואונדערבארע. די זעלנער האבן זייערע ביקסן אוועקגעלייגט. דער בחור, וועלכער איז ארעסטירט געווארן הינטער לובלין, בעת ער האט געשעסן צו זשאנדארמען, איז דאס געווען דער חבר לערער. איס האט מען אפגעפירט אין קאמער און געגן חבר סאמאיל איז פארפירט געווארן א פראצעס פאר צעבונטעווען די זעלנער. צען יאר קאטארגע איז געווען דער אורטייל פון לובלינער צארישן געריכט.

חבר לערער האט באקומען 5 יאר קאטארגע און צען יאר פארשיקונג.

אין צוויי יאר ארום איז דעם חבר סאמואיל געלונגען צו אנטלויפן פון סיביר, דערשלאגן זיך קיין אמעריקע און דארט שטעלן זיך צו ווייטערדיקער דינסט פאר די אידעאלן פון ארבעטער-קלאס. דעם חבר לערער האט די רוסישע רעוואלוציע באפרייט פון קאטארגע און ער איז אין יאר 1918 געקומען קיין לובלין, וואו ער זעצט פאר די רעוואלוציאנערע ארבעט פון "בונד".

און אט האבן זיך אין אויגוסט 1928 צונויפגעטראפן דער חבר לערער מיטן חבר "סאמואיל", וועלכער האט זיך ארויסגעוויזן אלס דער בארימטער חבר כאנין, דער אומדערמידלעכער טוער צווישן דער יידישער ארבעטערשאפט אין אמעריקע, דער פרעזידענט פון ארבעטער-רינג.

די ידיעה, אז חבר כאנין געפינט זיך אין לובלין האט זיך בליץ-שנעל פארשפרייט איבער דער גאנצער שטאט און ארויסגערופן אן אומגעהויערע פרייד צווישן די ארבעטער.

א גאנצן טאג האט חבר "סאמואיל כאנין" באזוכט אלע ארבעטער-אינסטיטוציעס און צוזאמען מיטן בונדישן טוער, חבר ד"ר הערשנהארן, געגאנגען אויף "קבר-אבות" אין דער לובלינער טורמע, באזוכט די קאמערן, אין וועלכע ער איז געזעסן. פאראן דארט אן אלטער וועכטער, וועלכער דינט שוין איבער 30 יאר אין דער לובלינער תפיסה און ער האט דעם חבר כאנין דערקענט.

-וואט עטאט ביל מאלאדצאס! (אט דאס איז געווען א בראווער יונג!)

אין אוונט איז גערופן געווארן א פאר זאמלונג פון בונדישן אקטיוו: די פארטיי-חברים, די יוגנטלעכע פון "צוקונפט", דער סאציאליסטישער קינדער-פארבאנד "סקיף" און דער ארבעטער-פרויען-פאריין, צוזאמען מיט אלע פארוואלטונגען פון די פאריינען, שולן און קולטור-אינסטיטוציעס. מער האט דער זאל נישט געקענט אריינעמען. עס האבן אבער געשטורעמט מאסן ארבעטער און די גרעסטע העלפט האט געמוזט בלייבן אונטער די טירן, פענסטער און אויפן הויף.

דער זאל איז באצירט מיט צענדליקער רויטע פענער, אויף דער בינע - די גרויסע פאן פון "בונד". חבר כאנין, אדער ווי ער איז באזונדערס פאפולער אין לובלין, חבר סאמואיל, ווערט מיט באגייסטערטע אוואציעס אויפגענומען פון טויזנטער ארבעטער, די "ברידער און שוועסטער פון ארבעט און נויט". עס באגריסט איס אין נאמען פון בונדישן קאמיטעט טאקע דער זעלבער חבר לערער. עס באגריסן איס פארשטייער פון די באזונדערע פאריינען און ארגאניזאציעס און אט נעמט א ווארט גער חבר כאנין. ער זעט פאר זיך רייפע פרוכטן פון דער רעוואלוציאנערער ארבעט, וואס ער האט מיט אייגן בלוט פארזייט מיט 20 יאר צוריק, - ער האט געזען דעם "בונד" אין לובלין.

און אויך מיר, יידישע ארבעטער אין לובלין, האבן געזען פאר זיך א מוסטערהאפטן חבר, אן אומדערמידלעכן טוער און קעמפער, א פיאנער, וועלכער האט פאר אונז אויסגעטרעטן א שווערן דערנער-וועג, איבער וועלכן עס מארשירט איצט אזוי זיכער דער יידישער ארבעטער-קלאס.

חבר כאנין רעדט.

שוין גארנישט קיין, "אמעריקאנער לשון", אונדזער שפראך, אונדזערע געדאנקען, אט ווי ער וואלט די גאנצע צייט געלעבט מיט אונדז צוזאמען אין לובלין. די סאציאליסטישע, די רעוואלוציאנערע שפראך איז, ווייזט אויס, איין און דיזעלבע אויף ביידע זייטן אקעאן.

אויפצומארגנס האט חבר כאנין פארבראכט א גאנצן טאג אין אונזערע יידיש-וועלטלעכע פאלקס-שולן, דארט וואו עס דערציען זיך הונדערטער יידישע ארבעטער-קינדער, שולן, וועלכע זענען געגרינדעט געווארן דורך ארבעטער און ווערן אויסגעהאלטן מיט גראשנס, וואס זיי שפארן אפ פון זייער לעצטן ביסן ברויט. פון דאזיקן קינדער-גן-עדן האט זיך דער חבר כאנין גארנישט געקענט אפרייסן.

אין אוונט - א געזעגענונגס-באנקעט געפירט דורך דער פאריזערין פון דער שול-ארגאניזאציע אין לובלין, ח-טע בעלע שפירא. איצט האבן מיר שוין גאר אנדערש נעשמועסט מיט דעם דאזיגן "אומבאקאנטן אמעריקאנער", געשמועסט אויך וועגן דעם, ווי ווייט אונדזערע לאנדסלייט אין אמעריקע זענען אפגעריסן פון אונדז און געדענקען אפילו נישט אן די פאלקס-שולן פארן ארבעטער-קינד.

פיר וואכן נאך חבר כאנינס צוריקקומען קיין ניו-יארק, האט די שול-ארגאניזאציע דערהאלטן 135 דאלאר, וואס דער חבר כאנין האט געזאמלט פאר דער פאלקסשול "י. ל. פרץ".

דער הארציקער און פריידיקער צוזאמענטרעף מיטן חבר כאנין, דעם גרינדער פון "בונד" אין לובלין, וועט אויף לאנגע יארן בלייבן אין זיכרון פון דער יידישער ארבעטערשאפט אין לובלין.

# מיינע צוויי לובלינער זיידעס

מענדל ווייסמאן, קאפענהאגן

איך וויל אויף די שפאלטן פון אונדזער לובלינער זשורנאל דערמאנען מיינע ביידע לובלינער זיידעס. זיי זענען געווען גאנץ טיפישע לובלינער יידן און דווקא דערפאר וויל איך וועגן זיי שרייבן. "קול לובלין" שפילט - לויט מיר - א וויכטיקע ראלע נישט נאר אלס פארום פאר די נאך לעבעדיקע לובלינער יידן, נאר אויך אלס דאקומענט פאר די פארשער פון פארשניטענעם פוילישן יידנטום אין דער צוקונפט. דערפאר מיין איך, איז עס די פליכט פון די לובלינער יידן וואס געדענקען נאך און קענען נאך שרייבן, זיי זאלן דערמאנען זיי, די אומגעקומענע און שרייבן וועגן זיי. די דערמאנונגען קענען זיין א וויכטיקער קוואל - אפשר דער איינציקער! איך האף, אז די ארויסגעבער שיקן דעם זשורנאל נישט נאר צו די לובלינער יידן, נאר אויך צו די געהעריקע וויסנשאפטלעכע אינסטיטוציעס און ארכיוון.

אין 1939 בין איך אלט געווען 14 יאר, איך געדענק אבער גוט מיינע זיידעס און א סך אנדערע לובלינער יידן.

מיין זיידע פון טאטנס זייט, כאסקל ווייסמאן, איז געווען א הויכער, שטארקער ייד און ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן, איז ער אלט געווען ארום 70 יאר. אים געדענק איך אמבעסטן און פון אים וועל איך אנהייבן. געבוירן אין א קליין שטעטעלע ביי לובלין - אפאלע לובעלסקי, איז ער אלס קינד געקומען מיט זיינע עלטערן און דארט אומגעקומען אין חורבן. שוין פון 11 יאר האט ער אנגעהויבן ארבעטן ביי א בעקער. ווי איך ווייס, האט ער זיך געלערנט אין חדר און געענדיקט 4 קלאסן אין א רוסישער פאלקס-שול. ווען ער האט געענדיקט 18 יאר, האט מען אים צוגענומען צום צארישן מיליטער און ער האט געדינט גאנצע 8 יאר ביי דער לייב-גווארדיע אין פעטערסבורג. דארט זענען געווען זייער ווייניק יידן - בלויז א פאר שטארקע און שיינע יידישע יינגלעך. מען האט געוואלט ווייזן זיי וויא קוריאז און אז אלע זענען "גלייך". די יארן אין פעטערסבורג האבן געאווירקט אויף זיין ווייטערדיקן לעבן. ער האט געקענט נאך זיין דינסט בלייבן אין פעטערסבורג, ווו יידן האבן אין פרינציפ נישט געקענט וווינען, אבער געוועזענע סאלדאטן פון דער לייב-גווארדיע - יא. ער האט פון דעם נישט גענאסן און צוריקגעפארן קיין לובלין. פון געלט וואס ער האט באקומען, האט ער זיך געקויפט א קליינע בעקריי ווו ער האט געארבעט אליין און געבאקן זעמל, ברויט, מצות. אבער, צי די קאנקורענץ איז געווען גרויס, צי ער האט זיך געפילט שלעכט ביי דער שווערער ארבעט - ער האט נאכן טויט פון זיין פרוי די בעקריי פארקויפט און געווארן א "פרייער מענטש"...

זיין פרוי, מיין באבע, האט אים געבוירן 7 קינדער און ביז היינט פארשטיי איך נישט ווי אזוי זיי האבן געקענט דערציען אזויפיל קינדער, אין אזא גרויסער נויט און אין א "דירה" פון 1 צימער מיט א קעמערל.

זיין עלטסטער זון איז געווען משה ווייסמאן - א באקאנטער בונדישער טוער אין לובלין, וואס איז אומגעקומען אין סטאליניסטישן לאגער אין סיביר. אלע אנדערע זין און טעכטער מיט זייערע פאמיליעס זענען אומגעקומען אין חורבן.

נאכן פארקויפן די בעקריי און ווען די קינדער זענען שוין ארויס פון דער היים, האט ער אנגעהויבן א ניי אייגנארטיק לעבן: אין די חדשים אקטאבער - אפריל האט ער געהאט זיין "ביזנעס, אויפן בערגל האט ער פארקויפט ווארעמע קישקעלעך און ווארעמע באבעלעך. זיי זענען געווען אין צוויי עמערס וועלכע ער האט געהאלטן ווארעם מיט האלצערנע קוילן. די באבעלעך און די קישקעלעך זענען געווען זייער געשמאקע - נאך היינט פיל איך זייער טעם. ווו האט איר היינט אזעלכע "דעליקאטעסן?!" ווי נאר ער האט אלץ אויספארקויפט, איז ער געגאנגען אהיים, אויפגעגעסן זיין זופ (מען האט אין לובלין געזאגט א גריץ), געמאכט א קורצן דרימל און געגאנגען צו זיינע קינדער און אייניקלעך טרינקען א גלאז טיי. אך ווי מיר, קינדער האבן אויף אים געווארט! ער האט דערציילט אזעלכע ווונדערבארע געשיכטעס וועגן זיין מיליטער-דינסט אין פעטערסבורג, וועגן דער גרויסער שטאט און גרויסער וועלט אבער אויך געשיכטעס פון דער פארגאנגענהייט, פון די פוילישע אויפשטאנדן, פון יידישע העלדן! מיר זענען געווען אנטציקט פון דעם.

אין אנהויב מאי האט ער גענומען אין די הענט א שטול און א זעקל מיט צוויי העמדער, א פאק שיך, זיין טלית און איז צופוס ארויסגעגאנגען פון לובלין. פון מאי ביז סעפטעמבער האט ער באזוכט יידן אין די דערפער ארום לובלין אין א ראדיוס פון ארום 60 קילאמעטער. דאס

זענען געווען יידן פויערים, סאדאווניקעס, הענדלער אבער אויך ארענדארן. ער איז געווען א וואך אין איין הויז און אויך דא האבן קינדער און דערוואקסענע אויף אים געווארט. ער האט זיי דערציילט זיינע וואונדערבארע געשיכטעס און דאס וויכטיקסטע - נייעסן פון דער ״גרויסער מעטראפאליע״ - לובלין. ער האט נישט געהאט און נישט געדארפט קיין שום געלט - ער האט געלעבט צוזאמען מיט די דארף-יידן. און דעמאלט האט ער זיך געפילט אמבעסטן - א פרייער מענטש, א שטאלצער ייד - פשוט ווי א פויגל וואס איז ארויס פון זיין נעסט.

דער זיידע כאסקל איז געווען א רעליגיעזער ייד, אנגעטאן אין טראדיציאנעלן יידישן ״אוניפארם״. מיט א קליין בערדל אבער נישט געווען קיין פאנאטיקער. ער האט זיכער געגלויבט, אבער אויך געצווייפלט. ער האט זיך באצויגן צו די פאנאטיש גלויביקע-ער פלעגט פרעגן האסטו דאס געזען ?...אבער אויך מיט איראניע צו די אטעיסטן און אגנאסטיקער, אויך צו זיינע צוויי זין-דעם,בונדיסט און קאמוניסט. זיי האט ער געפרעגט: ביסטו זיכער, אז דו ווייסט שוין אלץ?

און אזעלכן דערמאן איך מיך אים: א פרייער מענטש, א ווארעמער ייד מיט אן איראנישן שמייכל אין די אויגן.

איך האב זיך מיט אים געזעגנט אין אקטאבער 1939 פאר אונדזער אנטלויפן קיין מזרח. איך בין געווען ביי אים מיט מיין קליינעם ברודערל (דעמאלט 2 יאר, איצט מעדיצין פראפעסאר אין אמעריקע). ער האט אונדז געדריקט צום הארץ, געקושט און טרערן זענען געלאפן פון זיינע אויגן און די בארד איז געווען נאס פון זיי. איך בין געווען זייער דערשראקן. מיין שטארקער זיידע, דער צארישער סאלדאט וויינט! ער איז שוין נישט ארויסגעגאנגען אויף דער גאס - די דייטשן האבן שוין אנגעהויבן כאפן יידן און געשניטן מיט מעסערס זייערע בערד. איך האב דאס געזען...

מער האב איך אים נישט געזען. ער איז זיכער אומגעקומען מיט אלע זיינע לובלינער יידן. ווו, ווען ווי אזוי - ווער ווייסט עס?

*

מיין צווייטער זיידע, ר' איטשעלע פרידהיים, איז געווען אינגאנצן א אנדערער מענטש, אן אנדערער טיפ. ער איז אין זיינע יונגע יארן געווען א בלעכערמאכער און אויך צוויי פון זיינע זין זענען געווארן בלעכערמאכערס. ווי איך געדענק אים, האט ער שוין נישט געארבעט און גאנצע טעג פארברענגט אין שטוב. אבער אין זיין קליינע שול, אויף דער פאדזאמטשע גאס. דארט אהין פלעג איך טראגן אַן טעפעלע ״גריץ״ מיט א שטיקל ברויט. צוזאמען מיט זיין פרוי האבן זיי געהאט 10 קינדער. ביז היינט פארשטיי איך נישט - פון וואס און ווי אזוי האבן זיי געלעבט? די ״דירע״ אויף דער קראוויעצקע איז געווען א קליינטשיקע, אָן עלעקטריש ליכט, אן וואסער, אן קאנאליזאציע, אן א טואלעט. און די קינדער זענען אויפגעוואקסן און געווארן ערלעכע, ארבעטזאמע מענטשן!

דער זיידע איטשעלע איז געווען זייער פרום. אים האט נישט אינטערעסירט די ארומיקע וועלט - ער האט געלעבט אין לובלין, געווען א פוילישער בירגער אבער קיין ווארט פויליש האט ער נישט געקענט און נישט גערעדט. אים האט אויך נישט אינטערעסירט די ״יידישע גאס״ - נישט די פאליטישע פארטייען, נישט די וואלן צום מאגיסטראט און צו דער קהילה - גארנישט. ער איז ״געזעסן״ אין זיינע רעליגיעזע ביכער און נאר געטראכט וועלט וועגן דער אנדערער וואס איז אין הימל און וועט קומען.

ער האט געהאט א גרויסע בארד און שטענדיק געווען ריין און געטראגן שווארצע קליידער. ער האט געהאט א גרויסן אויטאריטעט אין זיין קרייז און אפט געווען - ווי מען זאגט עס היינט א ״קאנסולענט״ און דערקלערט פארשידענע פראבלעמען.

צום גליק האט ער נישט דערלעבט די היטלער-אקופאציע און דעם אומקום פון אונדזער פאלק. אבער בין זיכער - ער האט דאס געוווסט! ער האט דאס פארויסגעזען, ווייל יידן האבן אזוי ״געזינדיקט״ אויף דער וועלט און אין לובלין...

צוויי יידן - זייער פארשידענע אבער ערלעכע און אויף זייער אופן קלוגע מענטשן. און זיי ביידע - און אזויפיל אנדערע - זענען פארשוואונדן פון דער וועלט.

לאמיר נישט לאזן זיי זאלן פארשווינדן אויך אין אונדזער זכרון.



די אויסזידלונג ■ הגירוש

# לובלינער קוריאזן

**אברהם בינשטאָק**

## אפשר ווייסט איר ווו איז מיין היים?

אין אמאליקן יידישן לובלין האבן געלעבט פארשידענע מענטשן: רייכע, מיטלשטאנד און ארעמע, פאזיטיווע און אויך, מ'שטיינס געזאגט, נעגאטיווע טיפן. יידן מיט גוטע און אויך מיט שלעכטע מידות.

איך וועל דא נישט שילדערן קיין גנבים, אויסגעלאסענע אדער שיכורים, וואס מ'פלעגט דאס צושרייבן די גויים (אויך די יידן האט עס נישט געפעלט), אבער קארטן-שפילערס און אפילו אין האזארד-פארם איז יא געווען נישט זעלטן צווישן ארעמע שיכטן פון דער באפעלקערונג, וואָס האט אמאל אנגענומען טראגי - קאמישע פארמען.

א געוויסער בעל-מלאכה (א״ג כאלופניק), נישט קיין גרויסער פארדינער, א משפחה-מענטש מיט א פרוי און קינדערלאך - נאך א וואך שווערע ארבעט - האט געפונען א וועג צו "פארברענגען" אביסל די פרייע צייט, שפילן אין קארטן.

אפגענומען די פאר זלאטעס פאר דער וואך ארבעט, בדרך כלל פרייטיק, איז ער אוועק צו זיין קארטן קאמפאניע, נישט זארגנדיק צו באצאלן דער חוב אין שפייז-קראם אָדער געבן עפעס דעם באלעבאס פאר דירה-געלט, וועלכער האט אפטמאל געדראט מיט עקסמיסיע.

מיטן גאנצן לייב-און-לעבן ארייגעלאזט זיך אין דעם קאָרטן-שפיל מיט דער חברה, א טאג, צוויי, ביז ער האט פארשפילט דאס גאנצע געלט.

לאזט ער זיך גיין מיט א שווער געמיט און לייכטע קעשענע א היים, צום ווייב און קינדער. אבער דא דערווארט אים נישט קיין אנגענעמער "סיופריז": א שלאס אויף דער טיר.

דער באלעבאס - וויסנדיק ווען ער גייט אוועק אויף א פאר טעג קארטן-שפילן - האט אויסגענוצט די געלעגנהייט, און אומגעשטערט עקסמיסירט זיי פון דער וווינונג. וואס טוט מען? גייט ער ארום צו זיינע שכנים און פרעגט: אפשר ווייסט איר ווי איז מיין היים, מיין פרוי אין קינדער?

דא האט זיך אריינגעמישט דער פראפעסיאנעלער פאריין (וועלכער איז געווען אין לובלין גוט ארגאניזירט), אונטערגעהאנדלט מיטן באלעבאס פון דער דירה, צעלייגן דעם חוב אויף ראטעס. און אזוי ארום צוריק געשטעלט דאס "נארמאלע" לעבן פון דער משפחה.

## "שיקסעס" - דינסטמיידלעך אין יידישע שטובן אדער "ווען א שיקסע רעדט יידיש"...

אין געוויסע יידישע שטובן האבן די ווירטנס נישט צופיל געקענט די פוילישע שפראך. דאקעגן די דינסטן האבן זיך שנעלער אויסגעלערנט רעדן א צעבראכענעם יידיש. גאנץ אפט האט דאס גורם געווען קאמישע סיטואציעס.

אט צום ביישפיל: מָקלאפט אין דער טיר. גיי מארישע - רופט די באלעבאסטע - און זע, א מענטש קלאפט אין דער טיר. אוי, ס'איז נישט קיין מענטש, ס'איז אן ערל, ער האט ארויפגעברענגט האָלץ צום הייצן דעם אוו, וו,- האט מארישע געענטפערט.

אדער: די באלעבאסטע רופט די שיקסע - גיי שנעל, נעם יאדענע, דער גוי האט זיך צעקאליטשעט די פינגער ביים האלץ-האקן. די שיקסע ענטפערט: וואס ברענט? ס'איז דיר א שאד דאס טרייפענע בלוט - א שיינע כפרה...

די באלעבאסטע שיקט מארישען אין מארק אריין אביסל איינקויפן, זי גיט איר 5 זלאטעס. קומענדיק צוריק מיט די איינגעקויפטע שפייזן און גיט א רעשט די באלעבאסטע.

וואס איז מיט דיר מארישע, האסט צופיל געלט א רעשט גענומען? וואס האב איך געדארפט טוען? מאכן פאר אים דעם חשבון - ס'איז דאך א גויעשער קאפ...

די מארישעס, ארבעטנדיק יארן און יידישע שטובן, האבן זיך שוין אנגעהויבן באנוצן מיט אייגנארטיקע יידישע פאלקסווערטלעך.

צום ביישפיל: די שיקסע האט צוגעשטעלט א צעבראכן לייטערל, אראפצונעמען עפעס פון א הויכער פאליצע. די באלעבאסטע שרייט צו איר: גייי גיכער אראפ, וועסט אראפאלן אין זיך דערהארגענען.

מארישע, ווילנדיק זיך באנוצן מיטן פאפולערן פאלקס-ווערטל: "וועט זיין א לאָך אין הימל און א בארג אויף דער ערד" - קומט ביי איר ארויס קאמיש פארדרייט און א זאג געטאן: "נו, ס'וועט זיין א הימל אויף דער ערד און א בארג אין לאך..."

> ### אויסבעסערונג
>
> אין דער רובריק "לובלינער קוריאזן" פון נומער 35, נאוועמבער 99, איז צוליב א טעכנישן פארזען אדורכגעלאזט געווארן דער אריינפיר-זאץ פון דער נאטיץ אונטערן קעפל: "לובלינער כוח-גייער - גוטע ברידער".
>
> מיר גיבן דא דעם אנפאנג פון דער נאטיץ:
>
> געווען אין לובלין א לעבהאפטע "צוקונפט"-ארגאניזאציע. איר צענטער האט זיך געפונען אויף שעראקע 1. דארט האט מען געפירט א פארצווייגטע קולטור טעטיקייט: פארשידענע קרייזן, קורסן, אוונטן אויף ליטעראַרישע און פאליטישע טעמעס, פאלקסטימלעכע סאטירע און אפטמאל אויך פארוויילונגס-אוונטן, א.א.וו.
>
> המשך - אין פריערדיקן נומער.

# מחנה העבודה בלז'ץ

מקור מידע בעל ערך רב להכיר מקרוב את מחנה העבודה בלז'ץ, הוא דו"ח הפעילות של המועצה המרכזית של המחנה, בתקופה שבין 13 ביוני – 5 בדצמבר 1940, עד לחיסולו. האיסוף והתיעוד הם של ליאון זילברייך – ראש המועצה. המחנה הוקם ב-29 במאי 1940.

נקודת האיסוף המרכזית הייתה בבלז'ץ. מכאן נשלחו היהודים למחנות העבודה השונים: בלז'ץ הטחנה, בלז'ץ החצר, בלז'ץ סדנת הקטרים, ליפסקו, פלאזוב, טששאנוב ודזוקוב. גילאי המועסקים בעבודה נעו בין 13-70 שנה. הודות להתערבות חברי המועצה שחררה המפקדה את היהודים בגילאים מעל 60 ומתחת לגיל 15. העובדים בבלז'ץ היו מכל שכבות עשירים ועניים. הראשונים, העשירים, השתחררו לרוב לאחר זמן מסויים, על בסיס חילופין והשלטון המקומי קיבל זאת בסובלנות. בתקופה האחרונה היו במחנה כמעט רק אנשים עניים. אורוות, אסמים, בניין טחנת הקמח, אולמות הסדנאות שליד תחנת הרכבת, כל אלה שימשו למגורי האנשים. גם 13 בניינים נטושים בליפסקו שימשו למגורים. בפלאזוב שוכנו העובדים ב-2 בניינים גדולים (ללא דלתות וחלונות), בטששאנוב ב-2 בתי כנסת וב-2 בתי מדרש, בביתו של הרב ובמקומות שונים אחרים. כל עובד קיבל במחנה 500 גר' לחם אח"כ הופחתה הכמות ל-350 גר', חצי ליטר קפה-תבואה, כמות כזו של מרק תפוחי אדמה, דייסת שעורים וחתיכות של פסולת בשר. מובן שכמות האוכל לא השביעה את האנשים שעסקו בעבודות האדמה הקשות. לחם - הבעיה הכאובה ביותר במחנה "כדי להמחיש מצב זה" - כותב זילברייך - "די להזכיר, כי עבור חתיכת לחם היו אנשים מוכנים לתת את כל שהיה להם. כדי להשיג פרוסת לחם היו אנשים נלחמים כאילו היה זה אוצר יקר ערך. ולהשיג את הלחם נחשב כמעשה גבורה וזו הייתה גם סיבה לקנאה".

כל המאמצים והנסיונות לשפר את המצב - נכשלו. בכל המחנות סביב בלז'ץ היו 11,000 אנשים, 2800 מהם היו בבלז'ץ עצמה. בתחילה עד סוף אוגוסט היה במקום רק רופא אחד מלובלין. אח"כ גדל מספרם של הרופאים ל-11 והם היו מלובלין ווארשה, קרקוב וצ'נסטוחוב. בהמלצתם של הרופאים היו משחררים לעיתים כמה עשרות יהודים מידי שבוע. משערים שבשנת 1940 מתו בבלז'ץ ובמחנות שבסביבה כ-300 אנשים.

בתקופה שבין 13 ביוני ועד 20 באוגוסט היו הממונים על היהודים במחנה העבודה שליחי היודנרט מלובלין – ליאון זילברייך וד"ר פייגלס. במחצית אוגוסט הגיע מספר היהודים במחנה ל-11,000, הוחלט על מועצה מרכזית בראשות ליאון זילברייך וכרופא ראשי מונה ד"ר פייגלס. גם במחנות האחרים הוקמו מועצות מקומיות שנוהלו ע"י ממונים מטעם היודנרט הלובלינאי. במרץ 1942 הוקם מחנה המוות בבלזשץ ובו ניספו בין 25,000-30,000 יהודים.

במחצית אפריל 1942, חוסל הגטו בלובלין. לישיבת היודנרט ב-14 באפריל 1942 הגיע קצין ס.ס. אונטערשטורם-פירער ד"ר סטורם והודיע כי הוחלט שאזור המגורים החדש ליהודים ששרדו עדיין, יהיה הפרבר הלובלינאי מיידן טטארסקי. בימים 17,18,19 באפריל, הועברו 4000 היהודים שעוד נשארו לגטו החדש, כמובן בתנאים הרבה יותר גרועים. בישיבת המליאה של המועצה, מ-26 באפריל 1942, דווח חבר המועצה ווינר על פעילות ועדת הדיור. מתוך 3300 היהודים הנמצאים ב"ישוב" החדש קיבלו 1800 דירות, 1500 אנשים נותרו ללא קורת גג. הם לנים בעליות גג, באורוות, במחסנים, במתבנים ובאשר יימצאו. הם שהו שם עד ה-9 בנובמבר 1942 שאז חוסל הגטו הזה וכל היהודים יחד עם חברי המועצה נשלחו למחנה המוות מיידנק.



הגירוש ■ אויסזידלונג

# אין א לאגער הינטער לובלין

יהודה עלבערג

(פראגמענט פון זיין בוך "ביי די טייכן פון פוילן")

אלע וועגן און אומוועגן וואס מען האט געגומען, האבן געפירט צו מזרח און צו דער גענעראל-גובערניע און ווען מען איז אריבער די גרענעץ, האט עליאש גיך איינגעזען, אז די ריכטונג איז צו לובלין, מען פירט אים אהיים...

צומארגנס, נאך דעם ווי מען האט זיי געבראכט אין א לאגער הינטער לובלין, האבן די ארטיקע יידן זיך דערוווסט דערפון. דער יודנראט האט געשיקט ווארעמע קאצן. עליאש האט ענדלעך באקומען א ריין היטל און אויך א בלעכן שיסעלע, וואס איז ביי אים געווען זייער אנגעלייגט. נאכן זיין אזוי לאנג אפגעריסן פון אלץ און אלעמען, אן א גרוס פון דער היים און אן א מעגלעכקייט צו לאזן וויסן וועגן זיך, איז מען איצט אין קאנטאקט מיט א יידישער קהילה. אין דעם טסאלאג זענען זעקס הונדערט און זיבן און צוואנציק יידן געווען צוזאמען און געפילט זיך אליין און אפגעריסן פון דער וועלט. מען איז געווען ווי א שפיל-באלעם אין די הענט פון גורל, וואס האט הנאה צו צערייסן און צעברעכן אלץ וואס קומט אין דער האנט. עליאש האט זיך דערמאנט אן עפיזאד פון זיינע קינדער-יארן. די מאמע האט אים מיטגענומען קיין לובלין, ער איז געווען א ווילער יונג, איז ער געלאפן פארויס און פארבלאנדזשעט. מען האט אים געבראכט א פארוויינטן אין פאליציי-קאמיסאריאט, ווו ער האט ענדלעך צוריקגעפונען זיין מאמע. ער האט איצט געהאט אן ענלעך געפיל. ער איז דעמאלט געקומען צום שכל און מער נישט אוועקגעלאפן פון דער מאמען. האט ער עפעס געלערנט אויך איצט? די פוילישע ברידער פראלעטאריער, צו וועמען ער איז - שוין א דערוואקסענער - אנטלאפן פון זיין מאמען, האבן אין שטאלאג צוגערויבט זיין מענאשקע און וואלטן אים געשלאגן ביז טויט, ווען נישט א דייטש ראטעוועט אים פון זייערע הענט.

עס איז דערגאנגען א שמועה צו די געפאנגענע, אז זיי וועלן בקרוב באפרייט ווערן, אז עס ווייסט שוין וועגן דעם דער יודנראט אין לובלין. דאס עסן האט געשמעקט בעסער און אפילו ווונדן האבן זיך גענומען היילן בעסער. דאס עסן איז טאקע געווען א ביסל בעסער און מען האט גערוט ביינאכט. אבער וויכטיקער ווי דאס איז געווען וואס מען האט געקאנט ציילן די טעג ביז צו דעם ארויסגיין פריי.

מען האט געציילט טעג און נאך טעג. די שומרים זענען ווידער געווארן בייז און באפאלן מיט קלעפ מיט און אן אויסרייד. ווען וועט די ישועה שוין קומען?

ווידער א גענעראל-אפעל ווו מען דארף מיטנעמען אלץ. נאכן אפעל א מארש. איז די אכזריות פון די וואכלייט נאר א מין לעצט געלט? מען איז פארבייגעגאנגען לובלין און נישט אריין אין שטאט. די שומרים האבן איצט נישט געקאנט האבן קיין טענות, מען איז געגאנגען מיט א זשוואוון טריט, אבער די נאהייקעס האבן געסווישטשעט און אריינגעשניטן זיך אין לייבער און דאס שיסן האט גארנישט אויפגעהערט. עליאש האט זיך אראפגעבויגן העלפן א פארוונדעטן, האט א קויל אדורכגעשאסן זיין רעכטן ארבל און צעבלוטיקט זיין ארעם. נאר אן אויבערפלעכלעכע ווונד. ער האט אפגעריסן א שטיק פון זיין העמד און מארשירנדיק פארבונדן דעם ארעם אפצושטעלן דאס בלוטיקן.

קאן עס זיין אמת וואס א שומר האט געזאגט, אז מען האט זיי געוואלט איבערגעבן אין רשות פון יודנראט און דער ראט האט זיך אפגעזאגט זיי צו נעמען?

עס קאן זיין, אז די יידישע פארמעגנס זענען שוין לאנג צוגערויבט. דער יודנראט האט קוים מעגלעכקייטן צו באשפייזן די ארטיקע יידן און האט נישט פון וואנען צו נעמען צו באשפייזן נאך קנאפע זעקס הונדערט. עמעץ זאגט: א סברה, אז די דייטשן האבן געוואלט איבערלאזן די יידישע געפאנגענע אין לובלין אויף דער פאראנטווארטלעכקייט פון לובלינער יודנראט. און אויב די געפאנגענע וואלטן זיך דערנאך צעלאפן? עס קאן זיין, אז די גאנצע זאך איז געווען נישט מער ווי א פראוואקאציע קעגן די לובלינער יידן. איידער מען איז אנגעקומען קיין לובלין, האט עליאש זיך שוין געפילט אזוי שוואך און אזוי מיד, אז ער האט נישט געקאנט אויפהערן טראכטן וועגן אפשטעלן זיך און ארויס פון די רייען. זאלן זיי שיסן און א סוף זאל עס נעמען איינמאל פאר אלעמאל. ווער ווייסט צי ער וואלט אויסגעהאלטן ווען נישט די וועג-צייכנס ווינקען צו אים מיט דער בשורה, אז מען קומט אלץ נענטער אהיים. די ווונד אין ארעם האט אים געבראכט צו גאר אן אנדערן געדאנק: ער וועט אנטלויפן! ער זאל אפילו דארפן גיין קילאמעטערס א נאקעטער ביז ער וועט באקומען ציווילע מלבושים, ער זאל אפילו געפרוירן ווערן אויפן וועג, ער וועט זיך נישט לאזן פירן צוריק קיין דייטשלאנד.

אויפן וועג קיין לובלין איז ער געווען אינגאנצן אן ווילן, מער שמאטע ווי מענטש. איז עס דאס ביסעלע רו? זענען עס די פאר טעג עסן בעסער? אפשר איז עס גאר דאס בלעכענע שיסעלע, וואס ער האט באקומען אין לובלין? אז א מענטש האט נישט אין וואס צו נעמען זיין זופ ביים קעסל, איז ער אפגעריסן פון קוואל פרנסה, איז ער ווי א בוים מיט אונטערגעשניטענע ווארצלען. אפילו א ליידיק שיסעלע שמעקט שוין מיט דעם ריח פון דער זופ וואס מען וועט דערין אריינגיסן.. יא, א שיסעלע האט כוח צו געבן כוח. אנעם שיסעלע האט ער כוח צו אנטלויפן פון דער געפאנגענשאפט.

# דער נס אין לובלין

**(צומאָרגנס נאָך דער באַפרייאונג)**

די אַלטע פּוילישע שטאָט האָט אָפּגעאָטעמט פריי. אין איינע פון די גרעסטע געביידעס האָט זיך באַזעצט די ערשטע פּוילישע פאָלקס־רעגירונג. די גאַסן זענען פול מיט מיליטער־לייט און פּאַרטיזאַנער. נישט געקוקט דערויף, וואָס די שלאַכטן קומען פאָר נישט ווייט פון שטאָט און פון צייט צו צייט באַווייזן זיך פיינטלעכע עראָפּלאַנען — איז דאָך די באַפעלקערונג אַרויס אין גאַס.

מענטשן שטראָמען מאַסנוויייז אויפן וועג, וואָס פירט צום טויטן־לאַגער מאַידאַנעק. פיר יאָר איז דער וועג געווען שטרענג געהיט דורך עס־עס־לייט. די באַפעלקערונג האָט אין פאַרלויף פון דער צייט איינגעזאַפּט אין זיך דעם רויך פון הונדערטער טויזנטער פאַרברענטע קערפּערס. היינט איז דער וועג פריי. קיינער היט אים נישט מער, די היטער זענען אין בהלה אַנטלאָפן און נישט באַוויזן אַפילו צו פאַרווישן די שפורן. עס שטראָמען טויזנטער מענטשן, וואָס זוכן זייערע קרובים און פריינד. קיינער רעדט נישט קיין וואָרט. עס פליסן טרערן, עס ביילן זיך פויסטן, עס גליען די אויגן פון חרפּה און האַס.

ביז איצט האָט מען בלויז געהערט וועגן דעם וואָס עס קומט דאָרט פאָר, זעלטן ווער האָט געגלויבט, אַז מען ברענט מענטשן.

אָבער טרעפנדיק זיך אויג אויף אויג מיט דער טראַגישער ווירקלעכקייט, מיט די טויזנטער קינדערישע שיכלעך, בערג מיט ברילן, הויפנס שיך און אַש פון מענטשן, פושקעס „ציקלאָן"־גאַז — האָט אַ קללה פאַר די היטלעריסטישע באַנדיטן זיך אַרויסגעריסן פון אַלעמענס ליפּן.

אין שטאָט האָט זיך דאָס לעבן גענומען ביסלעכווייז נאָרמאַליזירן. די רעגירונג האָט פאַראָרדנט אָפּצומעקן אַלע שפורן פון דער אָקופּאַציע־צייט. פון די מויערן זענען פאַרשוווּנדן די אומצאָליקע היטלערישע „באַקאַנטמאַכונגען", וועלכע האָבן זיך שטענדיק געענדיקט מיט טויט־שטראָף. אויף זייער אָרט איז געקומען דער מאַניפעסט פון דער ערשטער פּוילישער פאָלקס־רעגירונג, דער מאַניפעסט פון לעבן און פרייהייט. מענטשן האָבן זיך געזאַמלט פאַר די פּלאַקאַטן און מיט טרערן אין די אויגן זיי געלייענט, פאָרט דערלעבט די באַפרייונג! אַלע בירגער זענען גלייך!

עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן יידן. מערקווירדיקע יידן: מיט וואָנצעס, מיט פויערישע היטלען אין הלבשה, נישט גלויבנדיק, אַז זיי זענען פריי, האָבן זיי זיך געשלייכט איבער די גאַסן און געקוקט אַרום זיך מיט דערשראָקענע אויגן...

יידן האָבן זיך דערקענט נישט לויט דעם אויסערלעכן אויסזען, נאָר מיטן אינסטינקט. מען האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט דער מפּלה פון היטלעריזם און גלייכצייטיק געוויינט איבער דעם אומקום פון די נאָענטסטע.

דער זאַמל־פּונקט איז געווען דער ערשטער יידישער קאָמיטעט, וועלכער איז אַנטשטאַנען גלייך נאָך דער באַפרייונג.

די מלחמה איז נאָך געווען אין פולן ברען. אַלץ איז נאָך געגאַנגען פאַרן פראָנט. נישט געקוקט דערויף, האָט די רעגירונג מיט דער גרעסטער פאַרשטענדעניש און ברייטהאַרציקייט געשטיצט דעם אויפבוי פון דער ערשטער יידישער־קולטור־נעסט — דאָס פּרץ־הויז. אין דעם הויז האָבן מיר אָנגעהויבן זאַמלען די רעשטלעך געראַטעוועטע יידן.

מיר זענען נאָך געווען פאַרטשאַדעט פון דעם איבערגעלעבטן קאָשמאַר. דאָך האָבן מיר שוין געבילדעט אַ טרעף־פּונקט פאַר אונדזערע אָפּגעראַטעוועטע ברידער און שוועסטער פון פאַרשיידענע אייראָפּעישע לענדער, וועלכע זענען אַהער פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן.

אין דעם הויז זענען אַריבערגעפירט געוואָרן די ערשטע אכצן יידישע קינדערלעך, וועלכע אַ סאָוויעטישער טאַנק האָט אָפּגעראַטעוועט די לעצטע מינוט. דער נס איז געשען אויף די לובלינער גאַסן. די דייטשן זענען אַנלאָפן אין גרויס בהלה און מיטגעשלעפּט מיט זיך זייערע קרבנות פון מאַידאַנעק. אַ סאָוויעטישער טאַנק האָט זיך אַריינגעריסן אין שטאָט און זיי געשטערט אויסצופירן דעם מאָרד.

עס דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד פון יענער צייט. דאָס איז געווען אין האַבסט 1944 יאָר. קיין לובלין איז געקומען דורך מאָסקווע אַ גרופּע מלחמה־קאָרעספּאָנדענטן פון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער אַרמיי, מען האָט זיי אַוועקגעפירט ווייזן מאַידאַנעק. זיי זענען געווען דערשיטערט פון דעם, וואָס זיי האָבן דאָרט געזען. די ענגלענדער האָבן נערוועז געצויגן די לולקעס, געמורמלט עפּעס דורך די ציין און געשטאַנען פאַרגליווערט, די אַמעריקאַנער האָבן, קייענדיק גוט די גומע, אויך אויפן קול געשאָלטן די דייטשע באַרבאַרן. נאָך מאַידאַנעק זענען זיי געקומען באַזוכן אונדזערע אָפּגעראַטעוועטע קינדער. זיי האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען מיטן שלעכטן אויסזען פון די קינדער און געבעטן אונדז, מיר זאָלן אין זייער נאָמען פאַרזיכערן די קינדער, אַז קיין שלעכטס וועט זיי שוין נישט געשען!

דער סאָוויעטישער טאַנקיסט האָט די קינדער גאָרנישט צוגעזאָגט, נאָר געלאָפן מיט זיין טאַנק ביז בערלין און אויפן וועג באַפרייט צענדליקער טויזנטער יידן פון די טויט־לאַגערן.



אויף דער נאַדסטאַוונע גאַס



teatrnn.pl

# חיימקע הקיבוצניק

יוסף אכטמן

חיימקע היה בחור כארזים, ענק שבענקים. גבו זקוף ורחב, עורפו מוצק כעשוי שיש - ידיו אם גם לא היו ענקיות היו חזקות כעשויות מפלדה. בלחיצת יד אחת היה מסוגל לסחוט לימון או תפוז מבלי שתישאר בו טיפונת מיץ. גבה קומה, רגליו ארוכות, עמודים מוצקים, כאילו האל עצמו שקד על עיצובם.
חיימקע היה טרקטוריסט בקיבוץ - עבודה זו הלמה אותו, כאילו מטבע בריאתו נועד לעשותה, והוא עשה זאת באהבה ובגאווה רבה כשעבד בשדה והטרקטור הכבד "טייל" וחרש ועקר את הרגבים מהאדמה הקשה והעקשנית, היה חיימקע מרגיש בעת הזו, עמו מלך - כמו קיסר השדה. היה נושם מלוא נחיריו את ריח האדמה הפתוחה רוחה של אדמת הארץ ישראל. היה שואף מלוא ריאותיו הצעירות והחזקות והכניס אל קרבו את ריחה המיוחד, את ניחוחה הטבעי, את לחותה של האדמה. התבונן בהנאה כיצד "המחרשה המכנית" מבקעת ותוחנת את הרגבים. כיצד הטרקטור עוקר אבנים והאבנים אינן יכולות להתנגד לטרקטור בו נוהג חיימקע.

עוד בהיותו בחוץ לארץ, בעיירתו הקטנה, עיירה כה קטנה - כמעט כפר, קינא חיימקע בשכנו האיכר וואסיל שגר בסמוך לביתם, קרוב לביתו של אביו הכובען. וואסיל היה "חותך" חורש במחרשתו את אדמת אוקראינה הדשנה. "מה טוב חלקו ומה מאושר וואסיל" כך חשב אז חיימקע. "אין הוא צריך לשבת יום תמים כפוף ליד מכונת התפירה - בקיץ בימי החום ובחורף בימי הקור, אין הוא צריך לאמץ את עיניו כדי לראות את המחט - כי הרי אין המחט דומה למחרשה". כשהוא אוחז במחרשה היה וואסיל חורש - חולש - שולט על השדה ועל האויר הצח והרענן ואילו אבי "מלכותו" חדר צר ואפל ומחניק וגם הפרנסה מצויה בדוחק.

אביו של חיימקע רצה להקנות מקצוע לבנו, רצה שיהיה כמוהו כובען, שיתפור כובעים ומצנפות שיער לאיכרים, הוא, אביו הכובען המומחה ילמדו. אביו היה גאה במלאכתו. תופר ומכין הוא כובעים מכל הסוגים ליהודים, שלא יהלכו בגילוי ראש. ואל תקלו ראש - כובעיו של אביו היו מותאמים כמו כתרים לראשי האנשים. אפילו את השטריימל המפואר של הרב הכין ותפר מי אם לא - נכון, אבא של חיימקע. בעיירה כזו ובהווי החיים כזה גדל חיימקע שהיה בן יחיד להוריו.

כאשר פרצה המלחמה והגרמנים השתלטו על העיירה היה חיימקע כבן 14. ביום בהיר אחד ריכזו הגרמנים את העשרות המועטות של יהודי העיירה בכיכר השוק, בעזרת הנוצרים המקומיים הכניסום לבית המדרש ושם שרפו את כולם באש.
היות וביתו של חיימקע היה בקצה העיירה בין בתי האיכרים, ניצלו בנס הוא והוריו. אביו הרחיב אז את המרתף הבית, בו איחסנו בחורף תפוחי אדמה וכרוב, ובנה שם בונקר ושם הסתתרו. סבלו מקור, מחסור ורעב. מידי פעם היה אביו יוצא מן הבונקר מתגנב לעיירה ומוכר בגד ותמורתו היה מקבל מזון. במשך הזמן נאלצו למכור אפילו את פמוטי השבת ואת קופסת הבשמים כדי לקבל תמורתם חתיכת לחם או תפוחי אדמה מרקיבים שיועדו כמזון לחזירים. אמו, שהייתה אישה חלשה וחולנית לא עמדה בסבל ובחיים הקשים בבונקר ונפטרה כעבור מספר שבועות, היא אפילו לא הובאה לקבר ישראל. חיימקע ואביו קברו אותה בלילה חשוך בשדה השומם לא הרחק מהבונקר. עד היום זוכר חיימקע את השיח הבודד ליד קברה ואת אלפי הרמשים שרחשו ליד הקבר.

*

בליל כפור חורפי אחד, הגיע וואסיל לבונקר כשהוא חמוש ברובה ודרש במפגיע מאביו שייתן לו את זוג המגפיים שלרגליו. גם את הפרווה הבלה ואת הקפוטה. בדמעות בעיניו ביקש, התחנן אביו שישאיר לו את הבגדים האחרונים. בלעדיהם יקפא מקור, לא יוכל לצאת ולהשיג אוכל ואז יגוועו ברעב או יפול לידיהם של הגרמנים.

מאומה לא עזר, דבריו ותחנוניו לא השפיעו על וואסיל. בכוח הוריד את המגפיים, נטל - שדד את הבגדים. וכך בהיות אביו עירום ירה בו וואסיל והרגו. לפתע כחתול בר, זינק חיימקע על וואסיל מאחור ולפת אותו בגרונו. מהירות התנועה וכובד משקלו של חיימקע הפילו את וואסיל. חיימקע נטל ממנו את הרובה ובמספר חבטות קנה הרובה - הרגו. מפחד ממעשהו וביודעו שאין לו מאומה, ואין לו מה או מי לאבד, עזב חיימקע את הבונקר וברח ליער. בבונקר נשארו מוטלות שתי גופות - של אביו ושל וואסיל. ביער הצטרף לפרטיזנים. הוא פוצץ מסילות ברזל, ניתק קווי טלפון וכך נקם את נקמת מותם של אביו ושל יהודי העיירה.
החיים ביער קשים. ימים של מחסור במים ובמזון, הצמא והרעב מציקים, היה זה סיכון להביא מים או מזון כדי להשקיט את הרעב. אבל כמו להכעיס חיימקע נעשה חזק מיום ליום, הלך והתחשל. למזלו עבר את כל התלאות וניצל.

←

לאחר מפלתם של הגרמנים, כשהסתיימה המלחמה, הגיע חיימקע לארץ ישראל. עוד בהיותו במעברה הכיר נערה חיננית, גם היא ניצולת שואה, ונשאה לאישה. חיהל'ה אשתו אמורה ללדת בעוד כחודש. והוא, הוא כבר חשב על שם לרך הנולד - מאור - זה יהיה שמו. ראשי התבות של שמות הוריו - מנדל ורחל. אמנם לאחרונה מרגיש חיימקע שחל שינוי בחיהל'ה שלו. היא נעשתה חולמנית ומהורהרת. כן, היא הכירה איזה "עירוני" הרוקד סווינג ומשחק בקלפים, שמו פוקס - מין שועל שמכיר את כל הגינונים...

לאחרונה מרבה חיהל'ה לצאת העירה. היא מנמקת את נסיעתה כביקור אצל הרופא. לחיימקע נדמה שלאמיתו של דבר היא נוסעת אל החבר העירוני שלה. חיימקע לא מתייחס ברצינות לכך - אם כי הוא מרגיש שהולך ונוצר חיץ ביניהם והוא יודע שזה יכול להסתיים ברע. אהבתו של חיימקע שונה. אין היא אהבה של מילים, בכלל אין הוא מבין את העולם המודרני, עולם של תהפוכות ושגעונות. חיימקע עבר רבות בחייו. התבגר טרם זמנו. לדעתו, ישנם רגעים בחיי משפחה שמרגישים אותם עמוק בלב ואין יכולת לבטאם במילים.

חיימקע מסיים את יום העבודה, ירד מהטרקטור והלך לביתו לפגוש את חיהל'ה אשתו. היא לא הייתה בבית. ירד עליו אי שקט ואז חשב: "אולי הגיעה שעתה ללדת והיא נלקחה לבית החולים?". שאל את שכניו אבל, איש מהם לא ידע לאן הלכה ואיך לפתע נעלמה. בהכנסו לחדר מצא על השולחן פתק: "חיימקע היה שלום, אני עוזבת אותך וזה לתמיד, אני נוסעת אל..."

חיימקע לא יכול היה להמשיך לקרוא, הוא הבין. חיהל'ה אבדה לו לעולמים. חיהל'ה אותה אהב כל כך... אבד לו גם מאור. מאור שהוא חיכה וציפה לו זמן רב כל כך. מאור, שהיה צריך להנציח את זכר הוריו - מנדל ורחל. ואז, אז מלאו עיניו דמעות, פרצו וזלגו. וחיימקע החזק, הענק, הגיבור, בכה ובכה כמו ילד, כמו ילד קטן...



**המודל של בית המקדש בישיבת חכמי לובלין**

# די לעווערטאָווער גאַס

דב ליבערמאַן

... אַ יידישע גאַס, יידישע בעלי-בתים, יידישע איינוווינער, יידישע געשעפטן - און פויערים פון דער גאַנצער אומגעגנט קומען אַהער איינקויפן דאָס וואָס זיי דאַרפן, ווייל אין יידישע קראָמען איז ראַיעלער און ביליקער.

עס זשומעט אויף לעווערטאָווער גאַס. מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע און קאָלאָניאַל-געשעפטן. און אויפן צווייטן טראָטואַר, עק צירולנישטע און לעווערטאָווער, שטייען יידן אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק. יידן, ברייט פלייציקע, געזונטע און שוין פאַרעלטערטע, וואָס כאַפּן זיך נישט צו קיין שווערע קאַסטנס, נאָר צו גרינגע פעקלעך, קליינטשינקע פאַרדינסטן. דאָס איז די טרעגער-משפחה, יידישע טרעגערס. אַ ביסל ווייטער פון זיי די יידישע "וואָזשיוואָדניקעס", די בעלי-עגלות מיט אברהם "הויזשעבאָף" אין דער שפּיץ. אַלע האָרעפּאַשניקעס, מיט צעאָדערטע הענט פון אָנגעצויגענע שטריק, שלעפּן משאות- שווערע לעבנס.

יידיש לעבן... יידישע קינדער און יידיש לשון, אָרעמע און רייכע, פריילעכע פּנימלעך און פאַרצערטע, הונגעריקע און זאַטע, אָפּגעריסענע און לייטישע, גבירישע אָנגעטוענע, אין שולע-לערנענדיקע און ליידיק-גייע-רישע קינדער פון עלטערן, וואָס שטיקן זיך אין סוטערינעס און הוסטן פון דאָרטן אַרויס זייערע לונגען...

און אינמיטן אויף לעווערטאָווער 24, - דער פּראָפּעסיאָנעלער פאַראיין פון יידישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע. דאָ זאַמלען זיך דעם ערשטן מאַי די יידישע אַרבעטער און הייבן די פויסטן קעגן שלעכטס, וואָס הערשט אויף דער וועלט, קעגן דער אומגלייכהייט. דאָ זינגען זיי אויס לידער צום ליכטיקן מאָרגן: דאָ פּלאַטערן אין ערשטן מאַי פענער פון רעכטע און לינקע פּועלי ציון. יעדער פירער רעדט צו זיינע מענטשן, אויף זיין שפּראַך און אַלע צוזאַמע רעדן וועגן מאָרגן, טרוימען וועגן מאָרגן, פאַרטראָגן היינטיקע ליידן אין דער האָפענונג פון גליקלעכן מאָרגן - דאָ אין לאַנד, און אַנדערע ווענדן זייער בליק אויף מזרח - צום אויפגייענדיקן מאָרגן פון ארץ-ישראל. אויפן סאַמע עק לעווערטאָווער, דאָ ווו עס צעגייט זיך דער וועג צום אַלט-נייעם בית החיים און קיין לעווערטאָוו, איז אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן אויפגעוואַקסן אַ מאָנומענטאַלער בנין פון דער פרומער יידישער וועלט - די "ישיבת חכמי לובלין". ראש הישיבה ווערט דער שפּעטערדיקער לובלינער רב, הרב שאַפּירא זכרונו לברכה. עס העלפן אים ר' שמואל אייכנבוים, ר' הערשל זילבער, פּרעזעס פון יידישן קהילה-ראַט, ר' יחזקאל זילבערייך, יידישע גבירים פון אויסלאַנד און פון לאַנד. לובלין באַקומט צוריק איר תורה-קרוין און עס דאַכט זיך, ווער ווייס אויף ווי לאַנג...

# דער לאַגער אויף ליפּאָווע 7 אין לובלין

נאָכן פאַרענדיקן די מיליטערישע אַקציעס אויף דער פוילישער טעריטאָריע, איז דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט צוגעטרעטן איינצופירן אַ נייע „אָרדענונג". דעם 8טן אָקט. 1939, איז אויפן סמך פון היטלערס דעקרעט, אַ טייל פון פוילישן שטח איינגעשלאָסן געוואָרן אין דריטן רייך. אויף דעם אַנדערן שטח האָט מען דעם 26סטן אָקטאָבער געשאַפן דעם אַזוי גערופענעם גענעראַל־גובערנמענט. דאָס האָט געזאָלט זיין אַן איבערגאַנג־לייזונג. די דאָזיקע שטחים האָבן שפּעטער באַדאַרפט באַזעצט ווערן דורך דייטשן.

אין 1941 האָט דער גאַנצער שטח, וואָס איז געווען באַוווינט דורך פּאָלאַקן און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ביזן אויסברוך פון וועלט־קריג אין סעפּטעמבער 1939, זיך געפונען אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

ד"ר האַנס פראַנק, וואָס איז דורך היטלערן נאָמינירט געוואָרן אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט פאַראָרדנט צו שאַפן אויף דעם שטח 4 אַדמיניסטראַטיווע דיסטריקטן: קראָקעווער, לובלינער, ראַדאָמער און וואַרשעווער. בראש פון יעדן דיסטריקט איז געשטאַנען אַ גובערנאַטאָר.

אין לובלינער דיסטריקט האָבן דעם דאָזיקן אַמט פאַרנומען: ד"ר ערנעסט זשאַרנער און ריינהאַרדט ווענדלער.

פון נאָוועמבער 1939, ביז סעפּטעמבער 1943, איז אָדילאָ גלאָבאָצניק געשטאַנען בראש פון דער עס. עס. און דייטשער פּאָליציי. מיט זיין פּערזאָן, איז פון אָנהייב אָן פאַרבונדן דער אכזריותדיקער טעראָר, וואָס האָט גורם געווען צו צאָלרייכע קרבנות צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין לובלינער דיסטריקט.

אין רעזולטאַט פון זיינע גרויסע "פאַרדינסטן", האָט גלאָבאָצניק דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל אין זיין היטלעריסטישער קאַריערע. אין יולי 1941 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס באַפולמעכטיקטער צו שאַפן עס.עס.־צענטערן אויף די מזרח־געביטן. אין 1942 איז גלאָבאָצניק געוואָרן דער לייטער פון דער נאַצי־פּאַרטיי אין דיסטריקט. די קאָנצענטראַציע פון פיל פונקציעס, האָט פאַרוואַנדלט גלאָבאָצניקן אין דעם אַבסאָלוטן האַר איבערן לעבן און טויט פון מיליאָנען מענטשן פון די מזרח־געביטן. לויט די אָפיציעלע אָנגאָבן, האָבן אין לובלינער דיסטריקט געלעבט אין 1939 אַ 22,400.00 נפשות.

פון אָנהייב פון דער אָקופּאַציע, גענוי ווי אויפן גאַנצן אָקופּירטן שטח, זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דראַסטישע פאַראָרדענונגען קעגן יידן. זיי זענען באַרויבט געוואָרן פון אַלע רעכט. באַלד פון אָנהייב איז די שקלאַפן־אַרבעט געוואָרן איינע פון די טעראָר־שיטות. פון דעם האָבן גענאָסן מיליטערישע, פּאָליציייאישע און אַדמיניסטראַטיווע איינהייטן און דייטשע אונטערנעמונגען, וועלכע מ'האָט אויפגעשטעלט אין די אָקופּירטע געביטן. די שקלאַפן־אַרבעט אין די דייטשע אונטערנעמונגען איז געוואָרן אַ רינגעלע אין דער קייט פון די פאַרניכטונג־מיטלען. אויך די עס. עס. האָט איינגעזען, אַז זי קאָן געניסן פון דער שקלאַפן־אַרבעט אין לובלינער דיסטריקט און געשאַפן אין שטאָט די ערשטע אונטערנעמונגען. אַ ברייטע טעטיקייט האָט אַנטוויקלט די אונטערנעמונג „דויטשע אַאוסריסטונגסווערקע" (דייטשע באַוואָפענונג־פאַבריקן). גלייך פון אָנהייב האָבן יידן געבילדעט דעם גרעסטן אַרבעט־כוח.

צו ערשט האָט מען די יידן געבראַכט פון דער שטאָט. שפּעטער האָט מען פאַר זיי אָנגעהויבן בויען אַ לאַגער אויף דער ליפּאָווע גאַס 7. די באַראַקן האָבן אויסגעפילט טויזנטער יידן. דעם לאַגער האָט מען אָנגעהויבן באַזעצן אין 1940. אין דעם יאָר זענען אין לאַגער שוין געווען יידן מחוץ דעם לובלינער דיסטריקט.

אין די יאָרן 40־1941, האָבן די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען אָנגעהויבן צו באַפרייען פון די לאַגערן פוילישע קריגס־געפאַנגענע. די פּאָלאַקן, וועלכע מען האָט באַרויבט פון די רעכט אַלס געפאַנגענע, האָט מען געשיקט אויף צוואַנג־אַרבעט אין דריטן רייך, צווינגנדיק זיי דערביי אונטערצושרייבן אַ דעקלאַראַציע. די וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן, האָט מען פאַרהאַלטן אין די לאַגערן. אַ גאַנץ אַנדערן גורל האָבן געהאַט די יידישע געפאַנגענע, פוילישע בירגער. ביי די וואָס מ'האָט צוגענומען די רעכט פון געפאַנגענע, האָט מען געשיקט אין אַרבעט־לאַגערן אויפן גאַנצן שטח פון אָקופּירטן פוילן. פיל גרופּן האָט מען געבראַכט קיין לובלין און איינקוואַרטירט אין דעם לאַגער אויף ליפּאָווע. אַ פּאָר הונדערט יידן האָט מען געבראַכט אין יאַנואַר 1941 פון לאַגער 8ב (לאַמבינאָוויצע). פיל יידן האָט מען געבראַכט פון לובלין און לובלינער געגנט. די אַרעסטירטע אין דעם לאַגער האָבן געבילדעט דעם הויפּט אַרבעט־כוח פאַר די וואַרשטאַטן פון „דאַוו". דער לאַגער האָט נישט געענדערט זיין כאַראַקטער אויך נאָך דעם, ווי ס'האָט אָנגעהויבן זיין טעטיק דער לאַגער אין מיידאַנעק.

דער הויפּט אַרבעט־פּלאַץ פון די אַרעסטאַנטן זענען געווען די וואַרשטאַטן פון „דאַוו", מיט אָפּטיילונגען פאַר שוסטערס, שניידערס, אויטאָ־מעכאַניקער, אַן אונטערנעמונג פאַר דאַך־פּאַפּע און אַן אונטערנעמונג פאַר מיליטערישע קעסטלעך. מיטן וווּקס פון דער צאָל וואַרשטאַטן, איז אויך געוואַקסן די צאָל אינטערנירטע.

פון די געבראַכטע אין לאַגער יידן פון די סטאַלאַגן אין די יאָרן 1940—1941, ביזן 30סטן נאָוועמבער 1943, זענען געבליבן נאָר געציילטע. פיל פון זיי האָט די עס. עס. אין 1941 גענומען צו בויען דעם לאַגער אין מיידאַנעק. זיי ווערן נישט אָנגעגעבן אַלס אַרעסטאַנטן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער מיידאַנעק. עס פעלן נאָך באַווייזן וועגן דעם, אַז אין 1941 האָט מען זיי איינקוואַרטירט אין דעם טייל לאַגער, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די סאָוויעטישע געפאַנגענע. אַ וויכטיקע באַדייטונג האָבן די זכרונות פון דעם געוועזענעם אַרעסטאַנט, דעם לאַגער־דאָקטער טאַדעאוש קאָשיבאָוויטש, וועלכער האָט זיך דאָרט געפינען זייט דעם 27סטן נאָוועמבער 1941. ער שטעלט פעסט, אַז אין דער צייט האָט מען געהאַלטן אין לאַגער אַ 1500 סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. אין פאַרלויף פון 3 וואָכן, האָט זיך זייער צאָל פאַרקלענערט אויף עטלעכע ניינציק. די אַנדערע זענען אויסגעשטאָרבן, אָדער דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן. קאָשיבאָוויטש באַשטעטיקט אין זיינע זכרונות, אַז די יידן, געוועזענע געפאַנגענע פון לאַגער אויף ליפּאָווע 7, זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין אַ קורצער צייט.

די אינפאָרמאַציע וועגן גורל פון די דאָזיקע יידן, איז זייער אַ קנאַפּע. במשך פון 4 יאָר, האָט „דאַוו" אין לובלין געצויגן ריזיקע רווחים פון דער יידישער שקלאַפן־אַרבעט אינעם לאַגער אויף ליפּאָווע גאַס. די „דאַוו"־אונטערנעמונג האָט אויך אויסגענוצט די שקלאַפן־אַרבעט פון אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צואיילנדיק זייער טויט. „דאַוו" האָט איינגעאָרדנט אירע וואַרשטאַטן אין די לאַגערן גופא, איינשליסלעך אוישוויץ.

דער גורל פון די יידן אין לאַגער אויף ליפּאָווע איז געווען באַזונדערס אכזריותדיק. זייער לעבן איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן דעם 3טן נאָוועמבער 1943. די שנאה צו יידן איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן, אין רעזולטאַט פון אומזיסטער אַרבעט, האָט זיי נישט פאַרהיטן פון אומקום. דער טאָג פון 3טן נאָוועמבער 1943, וועט אויף שטענדיק פאַרבלייבן אַ סימבאָל פון אַ שאַנדהאַפטן מאַסן־מאָרד.

דער באַוואָפנטער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין אַנדערע געטאָס און לאַגערן. דעם 3טן אויגוסט, איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טרעבלינקע. דעם 16טן אויגוסט האָבן דאָס זעלבע געטאָן די יידן פון ביאַליסטאָקער געטאָ. קורץ נאָך די געשעענישן, דעם 15טן אָקטאָבער 1943, איז אויסגעבראָכן אַ באַוואָפנטער קאַמף אין טויטן־לאַגער סאָביבאָר.

די היטלעריסטן האָבן פאַרלוירן די זעלבסטזיכערקייט, אפילו צווישן די יידן אין די הערמעטיש־איזאָלירטע לאַגערן. אַלס ענטפער אויף די אויפשטאַנדן, האָט הימלער באַשלאָסן דורכצופירן אין נאָוועמבער 1943 מאַסן־עקזעקוציעס אין לובלינער ראַיאָן, אין וועלכע ס'זענען אומגעקומען 48.000 מענטשן, צווישן זיי — 18.000 אין מאַידאַנעק.

אין די מאַסאַקרעס זענען אומגעקומען ביי 8000 יידישע מענער און פרויען אין מיידאַנעק, ביי 6500 יידן (פרויען און מענער) אין לאַגער אויף ליפּאָווע און ביי 3000 יידן אין אַנדערע ערטער.

# פאַרוואָס האָב איך פאַרלאָזן לובלין

**מענדל לעווינבוים**

מיין פאָטער ע״ה, יחיאל טאָרבינער, האָט געוואָלט פאַר יעדן פּרייז אַז איך זאָל זיין אַ לערנער און אפשר אויך דערגרייכן צום כסא הרבנות. איך האָב געלערנט מיט שמואל מאיר אייגער און אַלע שבת געגאַנגען צו ר׳ שלמהלע אייגער זיך פאַרהערן. אַז ער האָט געזאָגט, אַז איך „וואַקס אַ גאון״, האָט דער טאַטע מיך געקליידט אין די בעסטע מלבושים — אַ זיידענע קאַפּאָטע, אַ סאַמעטן הוטל מיט פיינע שטיבלעטן און — די טייערסטע תפילין; ער האָט פיל געצאָלט פאַר מיין לערנען און מיך געצוווּנגען צו זיין משורר ביי ר׳ שמואל ראַבינזאָן.

מיין פאָטער איז געווען אַ קאָזשעניצער חסיד און יעדן שבת האָב איך געמוזט מיט אים גיין צום רבין דאַווענען.

אָבער דער שטן טרעפט אומעטום! דווקא ביים רבין האָב איך זיך דערנענטערט צו די בנים פון בענטשע שאַפּיראָ, אַ ייד אַ תבואה־סוחר — און אָנגעהויבן צו זיי אַרויפקומען. זיי האָבן געוווינט אויף דער שוויענטאָדוסקע. דאָרט איז געווען אַ זונדל גדליה, וואָס האָט שוין געלערנט אין שול און פאַרקערט אין די לינקע קרייזן, מיט סטודענטן. זיי האָבן מיך אויסגעלאַכט, געשפּאָט פון מיין קאַפּאָטע און אָנגעהויבן אויפקלערן, אַז דאָס איז נישט קיין תכלית. כאָטש ער איז געווען פיל ייִנגער פון מיר, איך בין גאָר געווען אַ חבר פון זיין עלטערן ברודער, דאַך האָב איך זיך צוגעהערט צו די דיסקוסיעס, וועלכע זיי האָבן געפירט און דערביי מיך צוגערעדט, אַז כ׳זאָל קומען אין „מרכז ציוני״ אויף פּיאַרסקע גאַס, ביי שפּעטן אין הויז, ווו מען לערנט וועגן ציוניזם און וועגן דעם ווי מען ווערט אַ חלוץ, מען פאָרט אויף הכשרה און דערנאָך קיין ארץ־ישראל. דאָס האָט מיך צוגעצויגן.

כאָטש איך בין געווען דער איינציקער אין אַזאַ הולך, האָט מען זיך צו מיר באַצויגן קאָרעקט און אָנשטענדיק, פון וואָס כ׳בין געווען איבערגליקלעך.

צו יענער צייט פלעגן קומען אין דער אָרגאַניזאַציע: אונדזער שכנטע הדסה רייכנשטיין, עמנואל בינדער, העלאַ מאַרדער, דער לערער שפּיגלשטיין, די פלאָרענצן, גיטל לאַנדאַן, פיינזילבער און די מילערס. איך האָב זיך פאַרשריבן אין דער „קבוצת העבודה״, צוזאַמען מיט בנימין איינשטיין.

צום באַדויערן האָט מען עס צוגעטראָגן מיין פאָטער ע״ה — און אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער כעסן, האָט ער געוואָלט מיך ממית זיין. קודם כל האָט ער מיך פאַרטריבן פון דער היים און כ׳האָב געמוזט זיך אַרומוואַלגערן אַ פּאָר וואָכן ביי חברים. איך האָב באַשלאָסן איבערצורייסן דאָס לערנען און זוכן אַ תכלית. מיין עלטסטע שוועסטער דבורהלע מיט איר מאַן איטשע רייס האָבן קוים געפּועלט ביים טאַטן, אַז מען זאָל מיך צוריק אַריינלאָזן אין שטוב.

אַזוי ווי איך בין שוין געווען מיליטער־פליכטיק און נישט געוואָלט נאָכגעבן מיין פאָטערס פאַרלאַנג צו מאַכן זיך אַ חסרון, האָט מען מיך גענומען אין דער פּוילישער אַרמיי און פאַרשיקט קיין אָסטראָוו, אין דעם קאַוואַלעריע־פּאָלק, ווו כ׳האָב געליטן אַ דין.

ענדלעך איז מיר געלונגען צו באַפרייען זיך — כ׳האָב באַקומען אַן „אָדראָטשעניע״ אויף אַ יאָר. אין משך פון דעם יאָר האָב איך זיך געלאָזט איבערצייגן פון די אָפּגעשפּאָלטענע חלוצים: בינדער, פיינזילבער, בערגמאַן — און מיר זענען אַלע אַריינגעטרעטן אין לינקע „פּועלי־ציון״, ווו מען האָט טיילמאָל געהאַט אויסצושטיין רעפּרעסיעס פון דער פּאָליציי. פאַרן 1־טן מאַי האָט מען מיך אַרעסטירט און איבערגעשיקט אין דער זאַמאָשטשער תפיסה, ווייל איך האָב געהערט צום קראַסניסטאַווער פּאָוויאַט, אַלס געבוירענער אין טורבין. דאָרטן בין איך אָפּגעזעסן דריי חדשים — ביז צום סוף פון דער „אָדראָטשעניע״, און מען האָט מיך איבערגעשיקט קיין כעלם אויף אַ קאָמיסיע. איך בין ווידער גענומען געוואָרן אין מיליטער. דאַן האָט מען מיך געשיקט קיין הרוביעשאָוו, צו די „סטשעלצי קאָנע״.

דאָרט האָב איך „אָפּגעקלאַפּט״ מיין מיליטער־דינסט, און ווען איך האָב זיך אויסגעדינט, האָב איך געזוכט אַ וועג צו אַנטלויפן פון פּוילן. ס׳איז מיר געוואָרן ענג אין אַלע היניזיכטן: עקאָנאָמיש, מאָראַליש און נאַציאָנאַל.

מיט שווערער מי האָב איך קוים באַקומען אַ „קופּיעצקי״־פּאַס, אַלס טוריסט קיין פראַנקרייך, מיט אַ וויזע בלויז אויף 45 טעג. אָבער געפאָרן בין איך קיין בעלגיע, ווו איך האָב זיך קאָנטראַקטירט צו אַרבעטן אין די קוילן־גרובן. איך האָב דאָס אָרט געמוזט פאַרלאָזן, צוליב דער שלעכטער כאַראַקטעריסטיק וואָס איז אויף מיר אָנגעקומען פון פּוילן. איך האָב גלייך באַקומען אַ „ווייסן״ אויסווייז און אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, ווו איך געפין זיך שוין העכער 40 יאָר.

איך האָב באַזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער אימיגראַנטן אָנטייל גענומען אין דעם סאָציאַלן געראַנגל און געגלויבט אין דעם פאַלשן משיח ביז דעם יאָר 1955, ווען איך בין געשיקט געוואָרן אויף דער געטאָ־פיירונג פון דעם פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך. דאָ האָב איך געהאַט די ריכטיקע לעקציע אין וואָס פאַר אַ אָרט איך בין פאַרקראָכן...

קומענדיק צוריק קיין פּאַריז, האָב איך באַשלאָסן צוריקגיין צום שורש פון וואַנען איך שטאַם...



דער וואסער-טרעגער אין לובלין

Ośrodek „Brama Grodzka - Teatr NN"
20-112 Lublin, ul. Grodzka 21
tel./fax (0-81) 532-58-67
fax. (0-81) 534-61-10
e-mail: teatrn@tnn.lublin.pl
http://www.tnn.pl

OŚRODEK BRAMA GRODZKA TEATR NN

**„Jedna Ziemia – dwie Świątynie"**

**Wstęp**

Lublin był kiedyś częścią wielokulturowego pogranicza leżącego między Wschodem i Zachodem. Przez setki lat w mieście żyły obok siebie dwie duże społeczności: polska i żydowska. Druga wojna światowa zniszczyła ten świat.

Po wojnie pamięć o dwukulturowym, polsko - żydowskim charakterze miasta i jego zagładzie zniknęła ze świadomości współczesnych mieszkańców Lublina. Na straży nieistniejącego miasta - Żydowskiej Atlantydy stoi dziś Brama Grodzka zwana dawniej Bramą Żydowską. To przez nią wchodziło się do Miasta Żydowskiego i to ona łączyła miasto chrześcijańskie z miastem żydowskim będąc miejscem spotkania dwóch różnych kultur. Przez setki lat symbolami tych dwóch miast były dwie nieistniejące już świątynie stojące, po obu stronach Bramy Grodzkiej: Wielka Synagoga i Kościół Farny p.w. św. Michała. Wielka Synagoga była centrum duchowym miasta żydowskiego, Kościół św. Michała – centrum duchowym miasta chrześcijańskiego. Dzisiaj w miejscu Synagogi przebiega ruchliwa ulica, po Kościele pozostał jedynie pusty plac. Świątyń tych nie ma już w pamięci mieszkańców dzisiejszego Lublina. Projekt artystyczny „Jedna Ziemia-dwie Świątynie" ma na celu przywrócenie Pamięci o tym, że w Lublinie, aż do drugiej wojny światowej, na jednej ziemi, żyli obok siebie Polacy i Żydzi, współistniały dwie kultury i dwie religie.

**Opis**

Realizacja projektu planowana jest na 16. września 2000 r., (sobota) g. 21.00. Planowany czas trwania – 2 godziny. Będzie to impreza towarzysząca Kongresowi Kultury Chrześcijańskiej.

W przedsięwzięcie będzie zaangażowanych ok. 1500 osób – w tym młodzież lubelskich szkół średnich, młodzież żydowska z Warszawy oraz zaproszona młodzież z miasta partnerskiego Rishon LeZion. Grupa młodzieży żydowskiej ustawi się w miejscu, w którym była niegdyś Wielka Synagoga, na zarysie jej fundamentów. Grupa młodzieży z Lublina ustawi się na zarysie fundamentów Kościoła Farnego. Między zaznaczonymi w ten sposób „żywymi świątyniami" a Bramą Grodzką poprowadzone zostaną dwie „drogi - korytarze" utworzone ze stojących obok siebie osób. Te dwie „drogi – korytarze" spotkają się właśnie w Bramie Grodzkiej.

W „drodze – korytarzu" między Bramą a miejscem w którym był kościół staną osoby nagrodzone medalem „Sprawiedliwi wśród narodów świata" za ratowanie Żydów w czasie wojny.

W „drodze – korytarzu" między Bramą a miejscem w którym była synagoga staną Żydzi ocaleli z holocaustu (min. pochodzący z Lublina), czy też ich dzieci, wnuki.

O tej samej godzinie 21.00 w każdym z tych miejsc zostanie wykopana ziemia. Z miejsca gdzie była synagoga ziemię wykopie rabin Michael Szchudrich. Z miejsca gdzie był kościół ziemię wykopie arcybiskup Józef Życiński Będzie ona umieszczona w naczyniach, które podawane z rąk do rąk przez osoby stojące w „korytarzach-drogach" trafią do Bramy Grodzkiej. Tam ziemia z obydwu naczyń zostanie wymieszana i wsypana do jednego dużego naczynia . Wymiesza tą ziemię dwoje dzieci: polskie i żydowskie oraz ks. Romuald Waszkinel, który będąc dzieckiem żydowskim został ocalony z holocaustu przez polską rodzinę.

Naczynie zawierające wymieszaną ziemię, przykryte zostanie „skorupą" z dwoma otworami - pęknięciami. Jeden – w kształcie zarysu fundamentów Wielkiej Synagogi, drugi – w kształcie zarysu fundamentów Kościoła Farnego. W otworach zostaną posadzone krzaki winorośli symbolizujące nieistniejące świątynie – jeden z Lublina, drugi z miasta partnerskiego Rishon LeZion. Tak więc dwie żywe rośliny „przebijają" skorupę i wychodzą na powierzchnię.

Całe przedsięwzięcie zostanie opisane i utrwalone w postaci katalogu oraz materiałów edukacyjnych przeznaczonych dla szkół. Zostanie też stworzona strona WWW poświęcona projektowi.

Tomasz Pietrasiewicz

# איין באָדן - צוויי טעמפּלען

דער לובלינער קאָמיטעט אין ישראל האָט באקומען אן איינלאדונג צו באטייליקן זיך אין דער ארטיסטישער אונטערנעמונג "איין באָדן - צוויי טעמפלען", וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 16.9.2000 אין לובלין, מיטן פון: אנטייל.

פוילישע געזעלשאפט פון "חסידי אומות העולם" אָפּט. לובלין, קולטור-געזעלשאפטלעכער פארבאנד אין פוילן, אָפּט. לובלין, געזעלשאפט קינדער פון האָלאָקאָסט, פריינטשאפט-געזעלשאפט ישראל-פוילן, דעלעגאציע פון דער צווילינג-שטאָט ראשון-לציון, אנטיילנעמער פונעם קאָנגרעס פאר קריסטלעכער קולטור, לובלינער שול-יוגנט, יידישע יוגנט פון ווארשע.

אין דער טאָג צייטונג "קוריער לובעלסקי" פון 18.9.00 איז אָפּגעדרוקט א לענגערער רעפּאָרטאזש פון דער אונטערנעמונג מיט בילדער. איין בילד שטעלט פאָר דעם בירגערמייסטער פון דער צווילינג-שטאָט פון לובלין - ראשון לציון, מאיר ניצן, בעת זיין אויפטריט אין גראָדזקע טויער בעת דער פייערונג.



ראש-העיר ראשון-לציון, העיר התאומה של לובלין,
מאיר ניצן, נואם בחגיגות
"אדמה אחת - שני מקדשים"

# צוזאמענטרעף מיט די פרעזידענטן פון די צווילינג-שטעט לובלין און ראשון לציון

אין די ראמען פון דערנענטערן די באציונגען פון די צווילינג שטעט לובלין - ראשון לציון, האט דער שטאט פרעזידענט פון ראשון לציון מר מאיר ניצן איינגעלאדן א דעלעגאציע פון דער שטאט לובלין, בראש מיטן שטאט פרעזידענט אנדזשעי פרושקאווסקי, און פרוי אויף א באזוך אין ישראל אין די טעג פון 22-29 פעברואר 2000.

אין דער שטאט פארוואלטונג פון ראשון לציון איז פארגעקומען א קבלת פנים פאר דער לובלינער דעלעגאציע פון פוילן אויף וועלכן עס זענען איינגעלאדן געווארן, אויפן ווונטש פון די געסט, א גרופע פון לובלינער קאמיטעט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט מיט איר פארזיצער אינזש. אלכסנדר שריפט און פארוואלטונג מיטגלידער און אקטיווע חברים: צעשע טראכטנבערג, יוכבד פלומענקער, דוד רוער, יוסף דקר און יוסף פריינד.

די דעלעגאציע פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט האבן זיך פארגעשטעלט פאר די צוויי שטאט פרעזידענטן אויף דעם קבלת פנים אין העברעאיש אין פויליש וו אויך אין ענגליש. אויף דער באגעגעניש האבן די שטאט פרעזידענטן פון לובלין און ראשון לציון ארומגערעדט דעם אויפן פון דערנענטערן די באציונגען צווישן ביידע שטעט ווי אויך דעם אויסטויש פון שול-יוגנט פון ביידע לענדער, וואס ברייטערט זיך אויס פון יאר צו יאר.

דער צוזאמענטרעף איז פארגעקומען אין א זייער ווארעמער אטמאספער ביי א גלעזל וויין. אין די אוונט שעהן האט די דעלעגאציע פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט נאך אַמאַל זיך געטראפן מיט די פוילישע געסט אין האטעל, אין וועלכן זיי זענען איינגעשטאנען. צו דער דעלעגאציע האבן זיך אנגעשלאסן: אונדזערע קאָמיטעט מיטגלידער אָרטמאַן מאַרעק און אָבליגענהארץ אריה און צעשע. מיר האבן פארבראכט מיט די פוילישע געסט א פאר שעה און פריי געשמועסט.

**חיים שביט**

## לכבוד האחיות וצוות המטפלים - מה אבקש לשנה החדשה

*אני תמיד מבקש לי דבר מה, כל שנה,*
*להגשים חלום, משאלה, לקבל מתנה.*
*והשנה...*
*מה עוד אבקש*
*שעוד לא ביקשתי?*
*שתהייה לנו שנה חדשה - שנה טובה,*
*שתהייה השנה - שנה מלאת אהבה,*
*זאת כבר בקשתי בשנה שעברה,*
*ואולי אבקש -*
*לא עוד מלחמות?*
*ואולי אבקש -*
*נסיעות בדרכים ללא תאונות,*
*ושהשדות יוריקו ויזהיבו השיבולים?*
*ואולי אבקש -*
*גשם משמים ושפע מים בנחלים?*
*אך את כל אלה כבר ביקשתי לפני שנים.*
*מה עוד אבקש לקראת השנה החדשה*
*שעדיין לא ביקשתי, שעדיין ממני נעלם?*
*כן כן אני יודע:*
*השנה אבקש להיות עמית וחבר עם כולם.*
*השנה אבקש לקבל אך אדע לתת גם*
*השנה נאחל לכל ידידינו בארץ ובעולם,*
*שירבו השמחות בביתנו ומשאלות לבנו כחול הים.*
*תודה רבה לכל הצוות בעבור היחס החם הטיפול*
*הנפלא והמיוחד שאתם מעניקים ליקירנו,*
*מי יתן ותבורכו בכל מעשיכם.*

*שנה טובה ומאושרת.*

*(הוקרא במוסד גלעד בתל-השומר)*



**פרידא הוכבוים - בת 90**

די הארציקסטע ברכות אונדזער שוועסטער
און שוועגערין

# פרידה הוכבוים

וואָס האָט זוכה געווען צו די 90 יאָר און צום
צענטן אוראייניקל. מיר ווינטשן איר נאָך א סך
יאָרן ווי ביז איצט – מיט געזונט, דערפאָלג און
הצלחה, וועלכע האסט זיך ערלעך פארדינט,
צוזאמען מיט דיין משפחה פון 4 דורות.

זיי געזונט.

דיין ברודער און שוועגערין
דוד און רבקהלע שטאָקפיש
מיט דער משפחה

אט איז אונדזער ברכה (אין עברית) פאָרגעלייענט אויף
דער מסיבה אין רמת אפעל לכבוד דיין געבורטסטאָג.

## לאחותי היקרה,

רבקה'לה ואני אחיך, דוד, ביחד עם כל המשפחות שטוקפיש והוכבוים, בני דור ראשון, שני שלישי ורביעי, נפגשים היום בשמחה ובגאווה לחגוג את יום הולדתך ה-90 ולשמוח גם על זכייתך בנין העשירי. הלוואי שעוד הרבה-הרבה שנים נזכה לראות אותך בבריאות טובה ובמצב רוח, ביחד עם כל המשפחה.

מי כמוני יודע לספר את קורות חייך, החל בעיר לובלין שבפולין, דרך תקופת מלחמת העולם השנייה, שהתאפיינה בנדודים ובבריחה מהאויב הנאצי, ודרך השיבה לפולין וההסתננות דרך גבולות צ'כיה, אוסטריה ואיטליה בכדי להגיע לבסוף לישראל עם בעלך עזריאל ז"ל ושתי הבנות, דבורה ויפה.

זוכר אני שבמשפחתנו שכללה הורים ושבעה ילדים: שלוש בנות וארבעה בנים, תמיד היית בשבילנו דמות חיובית בכל המובנים, ובמרוצת השנים היית דוגמה ומופת של אם, רעייה ובת משפחה. דרך החיים שלך לא הייתה סוגה בשושנים, בוודאי שלא בזמן המלחמה, ואף לא אחריה. אבל בכל התקופות האלה, ידעת איך לעמוד במבחן כל האירועים הללו בתבונה, באמץ לב ובעמל. דרך ארוכה ומגוונת עברנו ביחד וגם בנפרד, אבל תמיד היה זה קשר אחים אוהב ועמוק.

גם כעת, במפגש חגיגי זה של אחות בת ה-90 ואחיה, שבשנתיים צעיר ממך, ברצוני לחלוק כבוד להורינו, לשתי האחיות עם בעליהן ושני ילדיהן כל אחת, שניספו בשואה, לאח הצעיר שנפטר באוזבקיסטן, לאחים שלמה ויחיאל שהלכו לעולמם בארץ וכמובן לבעלך המנוח ולבנך יהודה, הצנחן.

אבל התאספנו כאן כל המשפחה ליום הולדתך, לשמוח בחגה של אם אהובה, אחות מכובדת, סבתא נאמנה ורב-סבתא מסורה. כולם-כולם מכבדים אותך ואוהבים אותך - האישה העדינה, הדואגת, התרבותית, שבגיל זה, בלי עין הרע, עוד קוראת ספר ועיתון ומבקרת בהצגות ובאירועים שונים.

לכן, נשאר לי, בשמי ובשם רעייתי, לאחל לך, עוד פעם, המשך מבורך של הרבה שנים של בריאות, אושר ונחת. מי ייתן שכולנו נצליח לחגוג את יום הולדתך המאה - אמן.

אחיך, **דוד**

## באמנות אף פעם לא מאוחר להתחיל / א. בן ציון

**המיני תערוכה במועצה האזורית מטה אשר מוקדשת לאמנית בגיל הגבורות אך "בראשת דרכה האמנותית", זהבה ליכטנברג. ילידת פולין, שהגיעה לעברון מתל אביב לפני כעשרים שנה בעקבות הבנות ובדיוק באותו זמן התחילה לצייר. מאז היא מציירת ללא הפסקה והציור ממלא את כל עולמה. הנושאים באים ספונטנית. הדוגמית במסדרונות המועצה, ציורי שמן שהם רק חלק קטן מאוסף הגדול שבביתה, מגלה אמנית מדהימה, חבל שהיא נחבאת אל הכלים.**

*לידידינו רבקה ודוד שטוקפיש*
*איחולינו מקרב לב*
*לבר-מצווה של הנין הראשון*
*חנה ומשה ווסונג*

# כותבים לנו • מען שרייבט אונדז

**צפורה דסקל וייסלפיש**, קיבוץ מרחביה

לכבוד ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל,
ראשית עלי לברך אותך, אלכס, על ההירתמות למטה, שהינו יושב ראש הארגון, הוצאת החוברת השנתית, ארגון אזכרות, הדלקת שישה נרות - שהם שישה מיליון מושפלים, מעונים ושרופים...
קשר עם לובלינאים בחו"ל ועוד.
קבלתי בתודה את "קול לובלין" מס' 35 ומה נדהמתי לקרוא על פטירתה ללא עת, של אירקה גוטליב ז"ל. הכרנו במשך זמן לא ארוך, בישיבות הועד או של המערכת.
אני עזבתי את האזור ופניתי לשדות עמק יזרעאל, לקיבוץ מרחביה, כפי הידוע. כאן חי בני זהר עם משפחתו ולו 4 בנים - כולם קצינים, הרביעי מהם: טייס הליקופטר, החמישית (סוף סוף) נכדה יפה ומוכשרת, שלא מזמן סיימה את שירותה הצבאי.
ממשפחתי "השורשית" נותרתי היחידה. שני אחי, אחד מהם רופא שיניים, שברחו לרוסיה וכך ניצלו - אינם עוד בחיים. אם נותר בן דוד אחד מכל משפחת גורפינקל, גם אותו כבר הספדנו.
אני כשלעצמי "ממקצועי כעת" סבתא רבה לשלוש נינות חמודות, אך עיסוקי רחבים הרבה יותר.
לא ידעתי מה עבר על אירקה בימים השחורים ההם, על התהום שנפער בפני עמנו.
לשואה הקדשתי שירים רבים וכואבים מְאוד, אך השיר הכואב ביותר, מוצנע בנבכי נשמתי.
לדאבוני בחוברת הפעם נפטרים נוספים, אותם הכרתי אישית, כמו ד"ר שמחה וייס ז"ל, אצלו ביקרתי ביחד עם אחי קלמן ז"ל, בביתו בוורשה, בשנת 1989.
ידוע שד"ר וייס הוא זה שעשה רבות להנצחה בטבלאות כל אותם המוסדות היהודיים בלובלין ומספר עיירות סביבה, בהן תססו פעם חיים יהודיים.
וד"ר נתן בן טובים ז"ל, בנה של בלה דובז'ינסקה האצילה שפעלה במוסדות רבים ובמיוחד בהסתדרות הציונית ביחד עם אחי יוסף ז"ל.
ד"ר בן טובים עשה רבות בכדי להנציח את שמה של אמו. הזדמנתי פעם לאחד הקיבוצים של המזרחי שם פגשתי את הדוקטור והוא הראה לי מבנה בבית הכנסת, שהוקם על שם אמו ז"ל.
וז'יטומירסקי ושמעון גורפינקל, בן דודי, ואת חיים לנגלבן ועוד דוקטורים שלא הכרתי וכל יתר הטובים והישרים. יהיה זכרם ברוך!
בזמנו, כשנפטר אחי זליק, העברתי אליכם 1000 ש"ח (אלף ש"ח) ואני מצרפת הפעם 150 ש"ח.
האם ירמיהו גוטליב פעיל עוד בארגון? רגשי צערי העמוק לאובדנו הכבד. אין לי מספר הטלפון שלו, בכדי להתקשר עמו ועוד: האם גדליהו פישמן חי כעת בארץ? יש טלפון?
היו בריאים, אשמח לשמוע מכם.
דורשת בשלום דוד שטוקפיש.

*

**קאראָלא ווייס**, ווארשע

טייערע רעגינע און דוד,
איך שיק אייך מיינע הארציקע גרוסן פון ווארשע און לובלין. גלייכצייטיק דאנק איך פארן געדענקען און מיר און פאר אלעמען - אין בינעמען, וואס איז געווען אייער טרייער פריינט. ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן, האָט ער געלעבט מיט לובלין און אירע מענטשן, וואס האבן געשאפן די געשיכטע און בארימטקייט פון שטאט און איר מוראדיקן אומקום. אויך מיך האָט ער אויסגעלערנט ליב האָבן די דאָזיקע שטאָט ווי זיינע פריינט, וואָס זענען אויך פאר מיר געוואָרן אומפאר-געסלעך, ווייל זיי האָבן אויך מיך באשענקט מיט זייער פריינטשאפט און א סך הארציקייט. יעדן באזוך מיינעם אין ישראל דערמאָן איך מיט גרויס גערירטקייט, ווייל ער איז געווען פארבונדן מיט איידעלע מענטשן. אויך איצט, ווען מיין באליבטער בינם איז אוועק, ווייזט איר ארויס מיטגעפיל, אָבער זיין גייסט איז מיט אונדז שטענדיק דאָ. און מענטשן האָבן אים תמיד געשעצט און דערמאָנט זיין אָנדענק אין לובלינער טעאטער "בראמא גראָדזקא", ווו ס'איז פאָרגעקומען א פרעכטיקער אָוונט געווידמעט דעם ד"ר בינעם ווייס. ס'זענען געווען אנוועזנד די לובלינער יידן, אויך פיל פאָלאקן און פאָרשטייער פון אוניווערסיטעט. אלע האָבן אונטערגעשטראָכן בינעמס גרויסע פארדינסטן צו פאראייביקן לובלין ביז די לעצטע מינוטן פון איר לעבן.
מיינע טייערע, ביי מיר קיין שום אינטערעסאנטס. איך בין טרויעריק, און איינזאם, נאָר ווי ס'זאָל נישט זיין גיט מען זיך אן עצה. איצט איז ביי אונדז ווינטער, ס'פאלט א

רעגן מיט א שניי און ס'איז זייער נאס און גראָ, נישט ארויסצוגיין אויף א שפּאציר. מיין געזונט איז נישט ווי אמבעסטן, נאר איך האָף אין פרילינג זיך צו זען אין ישראל. הארציקע גרוסן און וווּנטשן מיט געזונט פאר אלע.

*

**משה זאלצמאן**, פאריז

דער דאָזיקער בריוו איז געשריבן א קורצע צייט פאר דער פטירה פון דעם טייערן הארציקן ייד משה זאלצמאן, וואָס איז די לעצטע 30 יאָר געווען דער טיכטיקער, איבערגעגעבענער סעקרעטאר פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין פאריז, הגם א געבוירענער אין זאמאָשטש. וועגן אים שרייבן אונדזערע לאנדסלייט מענדל ווייסמאן פון קאָפּענהאגען און אנאטאָלי בינשטאָק פון פאריז (ז' 35).

תשובע, ליבע רבקהלע און דוד,

ווי שטענציק פריי איך זיך, ווען איך דערהאלט א געשריבן וואָרט פון דיר. אומדירעקט האָב איך אויך אנטייל גענומען אין דער פייערונג לכבוד דער יידישער פרעסע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָטישער גימנאזיע אין תל-אביב, דעם 24-סטן דעצעמבער. דו, טייערער דוד, האָסט דאָך אקטיוו אנטייל גענומען אין דער יידישער פרעסע פון דיינע פריע קינדער-יאָרן אין לובלין, אי אלס זעצער און אויך אלס זשורנאליסט. איך האָב נאָך געהאט דעם כבוד דיך צו זען מיט די פאַרשמירטע הענט בעת אונדזער ערשטע באגעגעניש אין דער דרוקעריי פון "על המשמר", שוין אלס סעקרעטאר פון דער לובלינער געזעלשאפט אין פאריז, אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן. די פריינטשאפט אונדזערע האָט זיך באזונדערס געשטארקט און באפעסטיקט, בעת דיין באזוך אין פראנקרייך און שאפן די "פריינט פון מפ"ס" און בעת די ערשטע עקסקורסיעס קיין ישראל, וועלכע מיר האָבן אדורכגעפירט.

אין די לעצטע 6 וואָכן בין איך געווען אין שפּיטאָל און נישט איינמאָל געטראכט, צי וועל איך דערלעבן צום נייעם יאָר 2000, וואָס איז אזוי נאָענט, כדי דערגרייכן צו מיינע 92 יאָר, אריינגערעכנט מיינע 12 יאָר אין די סאָוויעטישע תפיסות און לאגערן אַלס קאָנטררעוואָלוציאָנער און שפּיאָן לטובת פּולין, פראנקרייך און בעלגיע. איך האָב אדורכגעמאכט בלוטיקע אויספאָרשונגען, אָנהייבנדיק פון מיין ערשטן ארעסט אין 1926 אין זאמאָשטש.

אויף דער נאענטסטער זיצונג פון לובלינער קאָמיטעט, וועלן מיר באשליסן וועגן יערלעכן באנקעט דעם 19 מערץ. ביים היינטיקן טאָג בין איך כמעט איינער אליין און קאָמיטעט. אויף דער לעצטער זיצונג ביי מיר אין שטוב האָב איך טעשקע פאַרשטעטער נישט גערופן. ביי מיר זענען די פיס זייער אָפּגעשוואכט. איך זיץ א גאנצן טאָג אויפן בענקל און לייען. באקומען א בריוו פון מענדל ווייסמאן אין קאָפּענהאגען. ער ליידט אויפן הארץ און צוקער. זייט געזונט און האָט נחת פון די קינדער און זייערע משפחות.

*

**מענדל ווייסמאן**, קאָפּענהאגען

טייערער פריינט דוד,

איך דערלויב מיר צו שיקן אויף אייער אדרעס מיין ארטיקל פארן "קול לובלין". איך ווייס אז ס'איז דאָ א צווייטער אדרעס, איך האָב אים אָבער פארלוירן. איך פיל זיך נאָך זייער שוואך נאָך דעם הארץ-אטאק, אָבער קום לאנגזאם צוריק צו זיך און פּרוביר ווייטער צו זיין אקטיוו.

איך האָף אז איר "קעמפּט" מיט דער עלטער צוזאמען מיט אייער געטרייער פרוי. הארציקע גרוסן פאר אייך ביידע און פאר אלע לובלינער אין ישראל.

*

**נאטעק און עווא אקערמאן**, שטאָקהאָלם

טייערע רעגינא און דוד,

